20 יאָר פון זיין אַמעריקאַנישן לעבן, מיט זיינע צוויי צענדליק פריש אָנגעשריבענע ביכער, וואַקסט טרונק אויס צום אָנגעזעענעם, פיל געדרוקט און פיל געליינטן יידישן שרייבער —

פרויד׳ס קרענקלעכע־אַנאַליזע, מאַרק׳ס קלאסן־דאָקטרין גייען אחדותדיק־שבת־יום־טובדיק, מאָנטיקדיק־האָראָפּאַשנעדיק אין אַ שפינאָזיסטיש־עטישן דריי־עק־דימענזיע — אין איין „שמע ישראל״־ריקוד! דרות האָבן זיך אינטואיטיוו צוגעגרייט און געמיט צו דער ראַפּיד־שנעלער אַרבעט־אינטענזיטעט.

פרצעס גרויסע יידן . . . נשמות־פלאַקערדיקע . . . אויף חרבות גייענדיקע״, פרצעס נשמה־יתירהדיקע יידן, אין שנויצן־צויטן פלאַמען־צעפּלאָשענע אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, אין סאַמעטן־צעכוואַליעטע כאַלאַטן געווינדשאָוולטע אין אייביקן כף הקלע, באַווייזן זיך ווידער אופן עולם השפל, עס שטייגן זייערע שאָטנס מאחורי־הפרגוד איבער די געטאָ־מויערן גוזמאדיק גראָטעסק, קאַראַקאַטוריסטיש שוואַרץ־ווייס, מיט בריטן רעפּאָרטאַזש־פּינזל, מיט אַ שלום אש־ראָזמאַך, שנעל געמאָלן און אין שווערע גאָלדענע רעמען איינגערעמט. מיט רעאַליטעט באַשיינט און פאַרקאָפּטשעט מיט יאָרצייט־ליכטל פון זכרונות־פּיעטעט, אין ליכט פון שייטער־הויפנס און קרעמאַטאָריע־פלאַמען, לעבן זיי תחית־המיתימדיק אויף פאָלקסטימלעך־האָראָפּאַשנע אין זייער לייבהאַפּטיקן געזע־גייסט — יאָ, זיי באַקומען אפילו יחוס עצמו!

נישט בחנם האָט י. י. טרונק, דער ערודיט, דער למדן און אינטעלעקטואַל, דער בונדישער מיט־און פאָרלויפער, דער עמוס־סאָציאַליסט און אליה־בחור־יידישיסט, דער דאָרפיש־פאַרפוילישטער, דער „יאַך־בין־א וואַרשעווער״־פּ׳רהיימישטער, דאָס לאָדשער וואונדער־קינדיש־באַוואונדערטער, אויף אזא פּשוטן יעקיש־קאָלומבוסן־אופן און אזוי פרימיטיוו ליב באַקומען אמעריקע —

זיך פערפלאַנצנדיק אויף דעם פרישן באָדן, אַן ארויסגעריסענער ביז צום שורש, אַ פאַרוואָרפענע אין אַלדע־וויסטע־העק, צווישן ווילד־פרעמדע און סוף כל סוף געפאַלן „צווישן אייגענע״. ווי גאָט זיין תפילה אָנגענומען, האָט די נייע ערד — זיינע וואָרצלען: זיין „שטאַם־בוים״ האָט זיך אזוי וואונדערלעך צעבליט און זיינע ריחות געגעבן, אזוי בורא מיני בשמימדיק און אזוי וויר־ציק־דאָרפיש און אזוי היימיש־אייגן; נישט בלויז האָבן זיך זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס זיך געמיט אז זיין נאמען זאָל זיין איינגעשניצט אין עץ־החיים, נאָר עס איז אים אויך געלונגען דאָס זיידן־ווערעמל אויסצוכאָוען צו שפּינען יענעם דרים, אויף שיפלעך געוואָרפן איבער באַלוטער וועב־שטולן רויט און בלוי חלזונדיק ביז צו ר׳ יהושיעלע קוטנער, ר׳ יצחקל וואָריקער, ר׳ ישעיהלע פּראגער, ביז — —

פון דעם דעקאַדענט, דעם אינטעלעקטואל פון דעם רייכן וואונדער־קינד שנשבע בין האַפּאָלעטאַריאַט, פון דעם מעצענאַט־אַמאַטאָר, דעם פראַגמענטאַרישן שאַפער פון ראמאנטיש־מאגערע נאטור־סקיצן, דעם באַגרינדער פון הערש דוד נאָמבבערס פויליש־אַסקעטישן רעאַליזם, דעם טעאָרעטיקער פון שלום־עליכמס טיפן־גאַלעריע, אז ס׳איז אים אַליין נאָך געלונגען פאָלקטימלעך־גראָטעסק אויפצולעבן א מזרח־וואַנט מיט פוילישע יידן און דערמיט צו ווערן — נאָך אונזער געוואַלטיקער קאַטאַסטראָפּע! — איינער פון אונזערע גרויסע יידישע שרייבער.

*ש.*

232

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 4־3 (העפט 6־365) דריי און צוואַנציקסטער יאָר מערץ־אַפּ. 1962 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

חרות און גאולה, 1962 סדר אין מאָסקווע, 19׳טער אַפּריל סאָנעט, דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, זאָגנדיק די הגדה אין „קיבוץ לוחמי הגיטו״, „ובכן ויהי בחצי הלילה״ ..... °° 1
די הגדה של פסח (עסיי) ..... יעקב ריכטיגער 7
היטלער (ליד) ..... יוסף לעפּטוויטש 10
פריילינג אין וואַלד (ליד) ..... שמואל ווהייט 11
דאָס פאַסטוך בערגעלע אין גלול (דערציילונג) ..... דוד בערמאַן 11
מיין היים (ליד) ..... מערי קויהען 13
פסח (ליד) ..... הענרי גרינבאום 14
אויף חרובע וועגן (צווייטער טייל) ..... משה דאָמב 14
אַ בריוו (ליד) ..... עלע זילבערג 19
וויאָלין אין גאָלדערס גרין (ליד) ..... דאַני אבס 19
אין סאָסנאָווער וואַלד (פּראָזע) דריי צייט־סאַטירעס ..... א. נ. שטענצל 20
אַ סדר־נאַכט אין דער היים (סקיצע) ..... בן־צבי בערנשטיין 37

יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

## וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד

די הזכרה איז איינגעאָרדנט פון פריינט פון יידיש־לשון, דער יידישער אינסטיטוט — דער „רידינג רום״ און פון בונד אין לאָנדאָן, און קומט פאָר, זונטיק, דעם 29׳סטן אַפּריל 2.30 אין אַדלער־האָל, אַדלער סטר. א.1.

הזכרה: לעאָן בלומענזאָן. רעדנער: פּראָפעסאָר אַלעקסאַנדער ערליך
רעציטירן און זינגען קאַצעט־לידער נעט רובין און מאיר באָגדאַנסקי
אין בן־אורי, בערנער סטר. 14 וועסט־ענד, 8 אַזייגער
ליינען פון חורבן־ליטעראַטור. רעדנער: שאָשקע ערליך

אלע רעדאַקציע־נאָטיצן און קולטור ידיעות קומענדיקן חודש. י. **ביעטש**, וועט ל״ג בעומר אַ בן־שמונים מיר גרייטן צו א פייערונג פאַר בעל יובל, דער קומענדיקער נומער „לשון און לעבן״ וועט אויך אַרויסקומען אַ פאַרגרעסעטער.

**פרייז 2 שילינג**

אַבאָנאַמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר
אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London. E.1*

## כנגד ארבעה בנים דברה תורה

(סאַטירע)

חכם :

אז אין סאָוויעט־רוסלאַנד יידן שנאה פאַראַן,
אפנים טאַקע ס׳איז אַ בילבול נאָר בלויז ;
מען זאָל קיין עלילת־דם נישט קענען מאַכן,
נישט צו באַקן מצות, אַ פריקאַז ארויס — —

חוץ־לזה, ווער ברויך נאָך דעם צייכן פון חירות,
פאַר די יידישע הייזער די מצות־קערב,
פריש פון באַק־אויוון אַוועק זאַטקייט פאַר אלע,
אויב מיר האָבן שוין דעם הערב — האַמער און שערפ ?

רשע :

פרייהייט, אָדער מיט דער קאָסע קעפ געשניטן !
פון אַלצדינג מיט האַמער — איין גרויסער כאַאָס ! !
און אויב ארבע־כוסות, איז וואָדקאַ געטרונקען,
נישט אליהו הנביא׳ס אָפיום כוס — —

וואָרים וואָס איז דען דער צייכן פון חירות,
דער סימן פון דעם הא לחמא עניא ברויט ?
אַ משהו־חמץ טאָר דערינען נישט זיין,
אַן אַטאָם־שטויבעלע און ס׳איז — כרת־טויט.

תם :

כרושטשעוו וויל ווייזן, אז ער מיינט עס באמת,
מיטן אַוועקמאַכן דאָס אַטאָם־געווער — —
אז מען וועט נישט באַקן קיין מצות אויף פסח,
וועט ממילא קיין קניידלעך נישט זיין שוין מער . . .

מסתם שוין טאַקע משיח׳ס צייטן געקומען,
און אלע יום־טובים בטל ווערן — וואָט :
זעט שטאָט דעם רעגנבויגן־צייכן — אַ סאַטעליט,
דעם אפיקומן אויפגעהאָנגען ער האָט.

שאינו יודע :

אָ, מען וועט אים אויפהענגען דעם שר־האופה !
אַז אַלע בייזע חלומות צו זיין קאָפּ ! !
חושך־מצרים וועט אין קרעמל זיין פסח,
און אַלץ דאָרט וועט גיין מיט דער פוטער אַראָפּ.

זיך פיין אַריינגעבאָדן מיט דעם נאַסערן,
אונז נאָך מיט־שלעפן אין ים אַריין, דער כלאָפּ !
גיך, גאַגאַרין, ברענג פאַר יעדן ייד צום סדר,
די פולע לבנה פון הימל אַראָפּ — —

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 4־3 (העפט 6־365)  דריי און צוואַנציקסטער יאָר  מערץ־אַפּ. 1962 לאָנדאָן

## חרות און גאולה (אַ בחפזונדיקע דעפיניציע)

פסח איז דער יום־טוב פון באַפרייאונג, מעבדות לחרות, די ערשטע שקלאַפן־רעוואָלוציע, נאָך פאַר ספּאַרטאַקוס : „דבר אל בני־ישראל ויסעו“, ציט־אפּ, געגאַנגען, מאַרשירט, פאָרוועטס, פאַרזוימט נישט דעם מאָמענט ; „כי בחפזון יצאו בני ישראל ממצרים“, וואָרים איילים זיינען די יידן אַרויס פון מצרים.

דער סימבאָל פון קרבן־פּסח, „ולא תותירו ממנו עד בוקר און וואָס ס׳בלייבט ביז אין דער פרי, זאָל מען אין פייער פאַרברענען“ ! קיין פעדעמל־פלייש טאָר פון קרבן־פסח־שעפסל נישט איבעריק בלייבן, פון דעם שעפסלדיקן, דעם שעפעלע־שפלדיקן, דעם קנעכטיש־אונטערטעניקן.

און דער סימבאל פון דער מצה ? א משהו חמץ טאָר נישט בלייבן אין שטוב, „לא יראה ולא ימצא, מ׳זאָל׳ס פאַר די אויגן נישט זען, אין דיין רשות זאָל עס זיך נישט געפונען“, איין שטויבעלע זויער־טייג קאָן אַלץ צוריק פאַרזויערן, און עס יערט און עס זויערט און בייכיק גייט עס צוריק אויף.

דער גרויסער פאַראָל פון דער ערשטער רעוואָלוציע : „ולא יכלו להתמהמה ! ! נישט פאַרזוימט די רגע, נישט פאַרפאַסט חלילה דעם שעת־הכושר, די שטעקענער אין די הענט, אַנגעגאָרט“, חזק־ואמץ ! גייט א אַנטקייגן דעם פרילינג יום־טוב פון די פעלקער ! ! עפנט די טרויעריקע שעפסן־אויגן אויף, זעט, פריי איז די וועלט, אַ ווייטע פרייע פאַשע, א גרינע לאָנקע אין דער זון ; זעט, אַ מלאך שטייט אונטערן מינדסטן געוויקסל און שרייט : „וואַקס, וואַקס ! !“ פאַרכאַפּ דיין פלאַץ אין לעבן, וואָרצל דיך איין, צעבליאון גיי אויף — „דם ואש ותמרות עשן“ ! !

פסח איז די רעוואָלוציע פון די פאַרקנעכטעטע שקלאַפן, דעם יום־העצמאות פון די אונטערדריקטע פעלקער, חרות, באַפרייאונג, רעוואָלוציע, „בחפזון“ — זריזות געהער צו די שטאַפלען פון רוח הקודש, ווי די ריינקייט פון קולטור, ווי דער כוח פון ציוויליזאַציע.

גאולה אָבער — דער גאַנג צום באחרית־הימים, ליימיק־שווער, גאָט־אָטעמדיק, — גייט איבערן באַרג סיני, איבערן הר עבל און הר גריזים, איבער הר־הבית, איבער הר־ההר (ווי די גריכישע און אייראָפעאישע קולטור און ציוויליזאַציע איבערן אָלימפּ און גאָלגאָטאַ) גאולה גייט שריט פאַר שריט, בנחת־רוח, נישט געשפרינגען „על שני סעיפים“ . . . אַ קינד, ביי דער ברוסט פון דער „אם ישראל“ געזויגן, פון נביאיטעס געהאָדעוועט, פון נביאים ביי די הענטלעך געפירט, — גייט עס פאָראויס מיט קליינע געציילטע שריטלעך — „מה יפו פעמיך בנעלים !“ דאָס שיר השירים־זינגענדיקע, קינדיש־

„על רגל אחת", מיט דער הלל־געדולד מתינותדיק געצוימט: „סחור, סחור", אין חבלי־משיח־ווייען זיך דרייענדיק ארום און ארום איבער דער גאַרער וועלט — — —

גאולה איז מיט יסורי־נפש, מיט גלות־סיגופים, מיט אהבת־ישראל, מיט אחדות־הבורא און אחדות־הבריאה, מיט אויסגיין פון דבקות — עס ציט זיך א ניגון באַנטשע־שוויגעדיק, מיט שבת־יום־טובדיקע פסיעות קטנות וואַנדלט ער, ל״ודיק באַרפוסדיק גייט ער, גאָטס־ווינד, אָן רעש אָן שטורעם, ציט דורך די לעכער פון זיינע בגדים: „אף על פי שיתמהמה בכל זאת אחכה לו בכל יום שיבא", א משיח־ניגון פון אַזויפיל פאַלן, דער ניגון פון „שבע יפול צדיק", פון „אני מאמין בביאת משיח", וואָס נאָך אַלע דורכפאַלן, וועט זי דאָך קומען די דערלייזונג פונם ייד און פון דער גאַנצע וועלט.

* * *

וואס עס קאָן חלילה ווערן פון בלויז חרות אָן גאולה, פון פאָלק און קנעכט באַפרייאונג אָן דערלייזונג, אַ קינדיש־צעלאָזענער חדיא־גדיא פון בלוטיקע פאַראָלן; דער „בחפזון"־סימבאל, דער „ולו־יכלו להתמהמה" ווערן שעלטווערטער: „עמא דפזיזא" — דאָס צעלאָזענע פאָלק. „עבדא בהפקרה ניחא ליה" — דער עבד איז אַ הפקר־יונג; אז אך און וויי ווען דער עבד נעמט קיניגין — „עבד כי ימלוך" — עס ווערט אַ פילאָסאָפיע: „חטוף ואכול, כאַפּ און פרעס וואָרום מארגן וועלן מיר שטאַרבן" — —

חרות אָן גאולה פאַרוואַנדלט נישט נאָר ציוויליזאַציע, נאר אפילו רעליגיע און וויסן, קולטור און מאָראַל אין — מאַכט! „אני ואפסי עוד" — איך איינער און ווייטער קיינער"...

## 1962־סדר אין מאסקווע

דעם „שפוך חמתך על הגויים",
אַז מיר מוזן אים נאָך אַלץ זאָגן;
אָן דעם כזית מצה אויף טיש,
נאָך ביטערער זיין דאָס אָנקלאָגן.

נישט קיין קינד — אָן אַלטער קאָמוניסט
וועט זיצן ביים סדר און וויינען;
אליהו׳ס־כוס פול אָנפולן,
טרויבן־אויגן כשרע וויינען.

די טיר פון אַליין זיך עפענען,
אליהו שטיל אַריינשפרייזן:
„„ווייַן נישט מיין קינד, איך האָב אויך געמיינט,
מ׳קאן מיט דער האַק די וועלט דערלייזן". —

קוים אַ באריר טון מיט די ליפּן,
דעם אַלט־צעקנייטשטן סמוטנעם שטערן,
און אין זיין ווייטן וואָגל־וואַנדל,
מיטנעמען דעם לאָגל מיט טרערן.



## 19׳טער־אפריל־סאנעט

ווען די מאַנדל־צווייגלעך הייבן אָן צו בליען,
די שוואַלבן־קולעכלעך אין לופט זיך דערהערן,
און די טאָפּאָלעס דעם הימל נעמען קערן,
אַ קאָרזש — די כמאַרעס אין אַל־די־העק פאַרציען.

דעמלט מיין בליק, ווי בלוי ער זאָל נישט אויפטליען,
אַלץ פאַרוואָלקנטער ער ווערט און פול מיט טרערן,
און דאָס האַרץ צו פלאַטערן ס׳וויל נישט אויפהערן,
ווייט־ווו־אַוועק אין אַ מדבר כאָטש צו ציען —

אַ וואָראָנע, ראַנגלדיק מיט ווילדע ווינטן,
פון פאָרנט אַ וויוגאָ, אָן אָדלער פון הינטן,
און אזוי־אָ אין אַ רעגן פון געוויינען,

אַ וואָלקן־בראָך איבער וויסטע מדבר פעלדזן,
און מיט די קדושים פון אָשוויץ, פון בעלדזן,
איין רגע כאָטש אין קדושה מיך פעראיינען.

## דער ווארשעווער געטא־אויפשטאנד

נישט בחנם איז דאָ אַ גרויסע וואוו
אין פסוק „כל ההולך על הגחון": *
קיין 6,000,000 פאַרגאַזט, געקוילעט,
ווען נישט די קריכערס מיט פאַלטשן בטחון.

די „כל ההולך על ארבע"**־פירער
פאַר יעדן דייטש אויף אַלע פיר געקראָכן,
יעדן שטאָלצן פרווו, נאָך פאַרן אָנהויב,
דאָס מעסער אין רוקן אַריינגעשטאָכן.

געמסר׳ט, ביי געסטאַפּאָ געמאָלדן
מיט פאַרגלייזטע אויגן „כ׳בין נישט ווערט צומעלדן" — —
אָ, ווי וואָלטן מיר אויסגעזען, ווען נישט
פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד די געטאָ־העלדן.

נולן נולן „ובהק הוא"*** — —
מיר וואָלטן געבליבן בוייאַק־געציפער,
ווען נישט פאַר די צאַן־קדשים־קדושים,
פאָראויס פון די גרויסע גבורים דער ציפער.

---

* די וואָס קריכן אויפן בויך.
** די וואָס קריכן אויף פיר פיס.
*** א מין צרעת.

פון קידוש־השם, און קידוש־העם
די הייליקע בלוטן זידיק זיך מישן:
כריתת־הברית מיט די געטאָ־יידן,
גאָט כביכול וואַקלט ווײנענדיק צווישן —

מיטן פון דער תורה שטייט גרויס די וואָוו!
אין דער פרשה, ווען מען האָט זי געלעזן,
גראָד דעמלט אין דער סדרה פון דער וואָך,
ווען דער וואַרשעווער אויפשטאַנד איז געווען.

## זאגנדיק די הגדה אין „קיבוץ לוחמי הגיטו“

וואס איז אַן הגדה און וואָס איז אַ קינה?
קיין צו גרויסער אונטערשיד נישט צווישן ביידע;
אַז אַ פאָלק קאָן נישט מער בײשטיין קיין נסיון,
ס׳מוז דעמלט אויסהאַלטן קענען אַן עקידה.

א. רבי אלעזר בן עזריה, רבי עקיבא
אַ גאַנצע נאַכט אין בני־ברק געזעסן,
געהאַלטן אין איין דערציילן און דערציילן,
אַ וווּנדערלעכע מעשה נישט צו פאַרגעסן:
לחמא עניא אונזערע טאַטעס געגעסן.

רבותינו הגיע זמן קריאת שמע,
הערט דאָך שוין אויף מיט רק מעשות דערציילן!
עס מוז דאָך שוין אַ סוף נעמען: אָדער
מען שטאַרבט פון די ווונדן, אָדער זיי פאַרהיילן.

ב. הרי אני כבן שבעים שנה,
און אז כ׳וועל זיבעציק מאָל זיבעציק ווערן,
צי וועל איך אָבער קענען די מרור־מעשה,
פון אונזער צייט, צו דערציילן ווען אויפהערן?

אַן עקידה? אַ כריתת ברית בין הבתרים?
אַ באַראַן געשאָכטן, געקרבנטן, געעולה׳ט?
שישים ריבו שקלאַוון בחומר בלבינים?
צען מאָל געכפלט פאַשקלאַווט, פאַרקוילט, געקוילעט.

ג. חייב אדם לראות את עצמו — נישט נאָר זיך:
די גאַנצע משפחה אין בונקער געפאַנגען,
געשענדעט דאָס ווייב, די טאָכטער, די שניר פאַרשלעפט,
די זון, די איידעמס אויף תליות אויפגעהאַנגען,
און אַליין אין אָשוויץ אין אויוון געגאַנגען.



איידער נאָך דער באַגערטער טויט שוין געקומען,
טויזנט מאָל אים פריער געזען פאַר די אויגן:
געשוואָלן געבויגן, באַדעקט גאַנץ מיט כנים,
ביז לעצט טראָפּן מאַרך פון גוף אויסגעזויגן.

ד. אַ יד אדוני, צי אַן אצבע אלוקים?
דער שטן מיט זיינע טײוול־לאַפּיטוטן!
כביכול אליין דער קרעציקער איוב,
אַ פאַרשמיסענער מיט פייערדיקע רוטן,
זיינע טויזנט ווונדן אייטערן און בלוטן.

די בערג גליאידיקער אַש אויף וועלכע ער זיצט,
ביז צום זיבטן הימל שוין זיי דערגרייכן!!
איז נישט די לבנה דער שאַרבן אין זיין האנט
אני הוא ולא אחר! דער בעסטער צייכן?

ה. אויסרעכענען אַלץ, געטראָפן אין יענער נאַכט,
בחצי הלילה, צעבראָכן געטאָ־מויער?
כ׳האָב נישט אַזויפיל האָר אין מיין צערוישטן קאָפּ,
און די וואָס כ׳האָב, וועלן זיך שטעלן קאַפּויער,
פון אַזא יובל־יאָמער פון פרייד און טרויער —

אַ פאָלק ווערט צוריק יונג, א וויגן־ליד עס זינגט
שכינה־הקדושה, וואָס טוט ס׳וויגעלע וויגן;
פאַר אויפגעפראַלטן טויער שטייט אליהו,
זאָגט שפוך־חמתך מיט שיר־השירים־ניגון.

ו. והוא שעמדם לאבותינו ולנו,
דער ים פון בלוט און טרערן האָט זיך געשפאָלטן,
פלאַמען־ווענט פון דער זייט, רויך־וואָלקנס פון דער זייט,
און בני־אדם פון מענטש און גאָט פאַרשאָלטן,
אינמיטן ווי מלאכים געגאַנגען וואָלטן.

גלייך אין טליתים איבער די קעפ פאַרוואָרפן,
איינגעהילט זיי זיינען אין רויך און אין פלאַמען,
זיי ברענען און ברענען און ווערן נישט פאַרברענט,
ווי דער ברענדיקער שטאָם פון וועלכן זיי שטאַמען.

ז. על אחת כמה וכמה שהטובה
מכופל מכופלת — ישראל זיי בויען!
נישט נאָר אַ נס, נישט בלויז אַ מופת — דער צייכן:
כי גאה גאה, געזאַנג אַן זיפצן, אַן אויען
אַרומגאַרטלען די וועלט אַ גרויס גאָט־פאַרטרויען.

פאַרטיליקט וועט ווערן דאָס שפלות פון דער וועלט,
אַ שטאָלצער דער מענטש — דאָס האַרץ הייליק־דערהויבן,
אַ טיפע ליבשאַפט פון איין נפש צום צווייטן,
מקויים — דער באחרית הימים־גלויבן!

ח. עס וועט דאָס ציגעלע, חד גדיא, חד גדיא
דזבין אבא, צוריק לעבעדיק ווערן,
און צווישן כיטרע קעצל און בייזן הינטל,
ס׳רייסעניש, ס׳בייסעניש אויף אייביק אויפהערן,
ווי אייגן קינד שוחטל ס׳עקסעלע גערן.

ס׳שטעקעלע — אַ מאַנדל צווייגעלע ציבליען,
אַ האַרץ־דערקוויקעניש — טייכל ערד באַפייכטן,
און מינדסט פייערל אין פינסטערסטן ווינקעלע —
אַ ליבע זון צו וואַרעמען און צו לייכטן.

ט. אלוהינו שבשמים ובארץ,
אַ מי יודע־ליד צוזאַם לאָמיר זינגען,
ווער ווייסט, אויב אַ סימן פון נביא׳ס וואָרט ווו זיין,
גאַנץ אונז אויסראָטן אַן אכזר ס׳וועט געלינגען?
דיין פאָלק אז מיר זיינען ווער קאָן אונז באַצווינגען!

ששה מי יודע, ששה אני יודע,
ששה די זעקס מיליאָנען קדושים זיינען!
דעראיבער אינמיטן זינגען די הגדה,
פלוצלינג ווי ביי קינות מען קאָן זיך צעוויינען —

י. „כי בנו בחרת ואתנו קדשת" — —
מיט טויזנט און איין סעלעקציע אויסגעקליבן,
דורך שפיז־רוטן געיאָגט איבער שייטער־הויפן,
אין גאַז־קאַמערס, אין קרעמאַטאָריעס געטריבן,
און מיר דער במתי מעט איבערגעבליבן —

פון בלוט און פון טרערן אַ ים צוזערשט ווערן,
אַז דער זאַמד ביי זיין ברעג קענען זאל זיך מערן,
ווי פינסטער ס׳מוז צוערשט זיין, די זון אונטערגיין,
ציילן צו קענען אויפגייענדיקע שטערן.

## „ובכן ויהי בחצי הלילה"

„גיט אים אונז פון גאַלגאַן אַראָפּ אַ לעבעדיקן!
מיר ווילן דעם קעניג באַקריינען און באַקראַנצן!
צו וואַרפן וועט איר אונז אַ טויט געצל פון תליה,
און איר אַרום גאָלדענעם קאַלב הוליען און טאַנצן?"



הילכ־ טעלעוויזעס, טייוולאָניש־באַנומענע,
ס׳קלאַפּן די ראַדיאָס ווי מיט פויסטן אין זיין פענסטער;
מיט אויגן געבלאַסק מיט אַ טראַסק שוין אין די שויבן,
אַ צייטונג־קאָפּ מיט אַ גרימאַסע פון אַ גענסטער.

ער איז נישט פילאַטוס, אַ רוימער, א הערקולעס —
אַ ייד פון זשיטאָמיר, וואָס געדענקט נאָך פּאָגראָמען — —
אַז דער פּאַגראָמטשיק, דער גרעסטער, זאָל בלייבן לעבן,
אויף דעם פּאַפּיר דאָ־אָ נאָר חתמנען זיין נאָמען — — —

אַ געגאָגלטער צום טיש דער פרעזידענט בלייבט שטיין:
וואָס שוין דער חילוק, וואָס ער זאָל נישט אונטערשרייבן,
אָן אויסגעלאַכטער אויף אלע שלאַכן, אויף אַלע ראָגעס,
גענאָגלט צום גאלגאַן דער ייד וועט הענגען בלייבן.

י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

### די הגדה של פסח

די הגדה של פסח איז א רעליגיעז ווערק, אבער א געשיכטלעך און געשיכטע, ניט מיטאלאגיע, איז דער יסוד פון יידישקייט. היסטארישע פאסירונגען האבן געפירט צו דער אנטשטייאונג פון פאלק ישראל, ניט געטער ליבעס, און די מצוות פון פאלק ישראל זענען דערמאנונגען אין פארגאנגענע געשעענישן, ניט אויסצווירקן די פאראייניקונג פון הימלישע כוחות. משה רבינו, דער מחוקק פון פאלק ישראל, האט דעריבער באפוילן אין זיין צוואה, אין זיין שירת האזינו — —" זכור ימות עולם בינו שנות דור ודור . . . געדענק דעם פארצייטן פון דער וועלט, באטראכט די כראנאלאגיע פון יעדן דור, פרעג דיין פאטער ער זאל דיר דערקלערן, דיין זיידע ער זאל דיר זאגן. ווען דער אויבערשטער האט באזעצט די פעלקער, בעת די מענטשנקינדער האבן זיך פארשפרייט, האט ער פעסטגעשטעלט די גרעניצן לויט דער צאל פון די בני ישראל" . . . (דברים ל"ב) דאס פאלק ישראל זאל פארשן די אנטוויקלונג פון דער וועלט, זיך פארטיפן אין די געשיכטעס פון אלע אנדערע פעלקער, כדי צו זען אז דער אויבערשטער האט באשטימט פארן פאלק ישראל זיין לאנד. און אזוי ווי „גיד הנשה", די ערשטע מצווה, איז באפוילן געווארן דעם פאלק ישראל צום אנדענקן פון א היסטארישע געשעעניש, צו דערמאנען אז דעם שטאם פאטער יעקב האט באקומען דעם נאמען ישראל „כי שרית עם אלהים ועם אנשים ותוכל": ווייל ער האט געקעמפט מיט געטער און מיט מענטשן — פאר דער פרייהייט פון רעליגיע און לעבענסשטייגער — און איז זיי בייגעקומען, (בראשית ל"ב) אזוי זענען אלע אנדערע מצוות א דערמאנונג אין פארגאנגענע פאסירונגען.

די בעלי קבלה האבן אפגעווארפן דעם אמת אז געשיכטע, ניט מיטאלאגיע,

איז דער יסוד פומן יידישקייט. זיי ברענגען ניט קיין באווייזן פון תורת משה ארויפצו אונטערשטיצן זייער מיינונג, נאר מיט קללות און חרמות ווילן זיי ארויפצווינגען א פרימיטיווע טעאריע, וואס זיי האבן איבערגענומען פון די באבילאנישע און פערסישע קולטן צוזאמען מיט די נעמען פון מלאכים. (ירושלמי ראש השנה פ"א ה"ב) אין זהר ווערט איבערגעגעבן אין נאמען פון רבי שמעון בן יוחאי דער ווייטער ציטירטער אויסצוג — „ווי איז צו דעם מענטשנזון וואס זאגט אז די תורה דערציילט מעשיות און רעדט פראסטע רייד, אויב אזוי קאן מען דאך אפילו היינט מאכן א תורה . . . דער וואס באהויפטעט אז די תורה איז געשיכטע זאל אים די נשמה אויסגיין . . . אפילו פאר א מלך בשר ודם איז ניט שיין צו רעדן פראסטע רייד מכל שכן נאך שרייבן, טא ווי פאלט דיר איין אז דער אויבערשטער מלך האט ניט געהאט קיין הייליקע ווערטער צו שרייבן אין דער תורה און האט געשריבן פראסטע מעשיות, ווי למשל די מעשה פון שרה און הגר, פון עשו, פון יעקב און לבן, פון בלעם מיט זיין איזל, פון בלק, פון זמרי און דעסגלייכן כדי צו מאכ דערפון א תורה . . . ווי איז צו די שולדיקע וואס זאגן אז די תורה איז צונויפגעשטעלט פון געשעענישן, זיי זען בלויז דעם לבוש, דאס דרויסענדיקע, און וויל איז די צדיקים וואס זען דעם ווייך אין פלעשל, די טיפע סודות וואס זענען פארבארגן אין די פראסטע רייד . . . אלע מצוות פון דער תורה זענען די אברים פון דער אויבערשטער וועלט, איינגעטיילט אין מענלעכע און אין פרוילעכע, אז מען איז מקיים אלע מצוות באהעפטן זיי זיך איינע מיט דער צווייטער און דערפון קומט ארויס די אויבערשטע וועלט פערפעקט, און אז מען פארפעלט אפילו נאר איין מצווה מקיים צו זיין איז די אויבערשטע וועלט אומפערפעקט" . . . (זהר בהעלותך קנ"ב, תקוני הזהר תקון י"ד.)

אבער ניט קוקענדיק אויף דעם אומגעהוירן איינפלוס וואס די בעלי קבלה האבן געהאט אויף די רעליגיעזע ליטעראטור, זייער מיטאלאגיע איז פארשפרייט איבער די תלמודים און מדרשים, און זייערע מיסטישע תפלות זענען געווארן אריינגענומען אין די סידורים און מחזורים, פונדעסטוועגן איז זיי ניט געלונגען אונטערצוגראבן דעם געשיכטלעכן יסוד פון יידישקייט. שווער איז צו געפינען א ייד וואס קאן זייער מאטיוו וועגן עסן מצה און מרור, בעת גרויס און קליין ווייס וואס די היסטארישע סיבות זענען פון עסן מצה און מרור. די דינטשעקע הגדה של פסח, הגם זי איז צונויפגעשטעלט פו קורצע רעליגיעזגעשיכטלעכע ציטירונגען, האט געהאט מער השפעה אויפן יידישן פאלק ווי די אנצאליקע דיקע קאבאליסטישע חיבורים מיט זייער מיסטישער אויסטייטשונג. און די הגדה של פסח איז טאקי פארפאסט געווארן, ווייל תורת משה האט פיר מאל אנגעדרינגען מען זאל לערנען די קינדער די געשיכטע פון יציאת מצרים — „והיה כי יאמרו בניכם מה העבודה הזאת לכם". (שמות י"ב־כ"ו) „והגדת לבנך ביום ההוא לאמר". (שמות י"ג־ח') „והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר מה זאת". (שמות י"ג־י"ד) און „כי ישאלך בנך מחר לאמר מה העדות והחקים והמשפטים". (דברים ו'־כ'.) מען זאל לערנען אַלע קינדער



פון יציאת־מצרים. דעם חכם, וואס וויל וויסן, דעם רשע וואס וויל נישט וויסן, דעם תם וואס ווייסט צו פרעגן און דעם שאינו יודע לשאול, וואס ווייסט נישט צו פרעגן.

כדי די קינדער זאלן ווערן נייגעריק און פרעגן קשיות, האבן די חכמים איינגעפירט פאר פסח אויף דער נאכט א סדר טיש מיט אייגנארטיקע מנהגים. אין דער אלטער צייט האט מען נאכן קידוש אראפגענומען די מצות פון סדר טיש און זיי באהאלטן, און די קינדער געגעבן געברוינטע תבואה קערנער — אזא פאפקארן — און ניס, אז זיי האבן די מצות געפינען, כדי זיי זאלן אויפבלייבן און פרעגן די קשיות. (פסחים ק"ט) אבער אין מיטעלאלטער איז פארגעקומען א פארענדערונג פון דעם מנהג, אזוי ווי עס איז פאראנען א מיינונג אין דער גמרה אז מען דארף מאכן די ברכה „על אכילת מצה" אויף שטיקלעך מצה, וויל מצות ווערן אנגערופן אין תורת משה „לחם עני", (דברים ט"ז) און א שנארער באקומט שטיקלעך ברויט, האט מען איינגעפירט דעם „יחץ" : צו צעבערעכן די מיטעלסטע מצה אין צוויי, איין האלבע באהאלט מען פארן אפיקומן, די קינדער זאלן איר געפינען און קריגן מתנות, כדי זיי זאלן אויפבלייבן צו פרעגן די קשיות, און די איבערגעבליבענע האלבע האט מען צו מאכן אויף איר די ברכה „על אכילת מצה". (פסחים קט"ו)

דעם נוסח פון די קשיות אדער פון „מה נשתנה" האבן אלע חכמים אנגענומען, אבער וועגן תירוץ, דאס הייסט, פון וועלכע פעריאדע אין דער יידישער געשיכטע מען זאל אנהייבן די לעקציע פון היסטאריע, איז א פלוגתא צווישן די חכמים. הגם די משנה זאגט — „ולפי דעתו של בן אביו מלמדו, ודורש מארמי אובד אבי עד שיגמור כל הפרשה כולה" : לויטן פארשטאנד פון זון זאל אים זיין פאטער לערנען, און ער זאל אנהייבן פון פסוק „א בלונדער ארמי איז געווען מיין פאטער", ביז צום סוף פון דער גאנצער פרשה (דברים כ"ו) האט שמואל אנגענומען אז מען זאל אנהייבן מיט „עבדים היינו", פון דער פארקנעכטונג אין מצרים, און „וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משבח" : אויב די קינדער פארשטייען מער איז דער, וואס דערציילט מער וועגן יציאת מצרים, לויבנסווערט. און רב האלט אז מען דארף אנהייבן מיט „מתחילה עובדי אלהים אחרים היו אבותינו", פון דער צייט ווען תרח, דער פאטער פון אברהם אבינו, האט מיט זיין משפחה פארלאזט אור כשדים. (פסחים קט"ז) אבער דער מחבר פון דער הגדה של פסח האט אלעס אריינגענומען, — עבדים היינו, ארמי אובד אבי, און מתחילה עובדי עבודה זרה.

ווי עס ווייזט זיך ארויס איז די הגדה של פסח פארפאסט געווארן מיט לערך עלף הונדערט יאר צוריק דורך רב עמרם גאון. מחמת די דעמאלטיקע סעקטע קראים, וואס זענען געווען קעגן די אויסטייטשונגען פון די רבנן, קעגן דער תורה שבעל פה, האבן אנגעהויבן רעפארמירן די אלטע יידישע תפלות או מנהגים, האט רב עמרם גאון פארפאסט א סידור מיט תפלות און מנהגים איינגעפירט אין די צוויי ישיבות פון בבל, כדי די יידן אין די אנדערע גלות לענדער זאלן וויסן צו היטן זיך פאר די רעפארמען פון די קראים. אין

דעם סידור ברענגט רב עמרם גאון די הגדה, של פסח, און ער פארלאנגט אז מען זאל לייגן אין חרם די אלע וואס נאכן ענדיקן די מה נשתנה זאגן ניט „עבדים היינו“ און ניט „מתחילה עובדי עבודה זרה“, ווייל זיי ווילן פארקירצן די הגדה של פסח. זיי הייבן־אן מיט „ויאמר יהושע . . . בעבר הנהר ישבו אבותיכם“ ביז „ויעקב ובניו ירדו מצרים“ (יהושע כ״ד) זיי זאגן „ברוך שומר הבטחתו, ארמי אובד אבי“, און היפערן איבער אלע מדרשים ביז „רבן גמליאל היה אומר“, דערנאך זאגן זיי הלל און ענדיקן מיט דער ברכה „אשר גאלנו“. (סדר רב עמרם השלם ח״ש, פ׳) דערפון איז צו זען אז די חכמים האבן מיט זייער גאנצער מאכט געזוכט צו ווירקן אויף די סדר אפריכטער, זיי זאלן לערנען וואס מער מיט זייערע קינדער די געשיכטע פון זייער פאלק.

אזוי ארום זענען די יידישע קינדער דערצויגן געווארן מיט א ווידערגעפיל קעגן אונטערדריקונג און פארשקלאפונג. אויך אנדערע פעלקער זוכן צו זיין גייסטיק און פיזיש פריי, דאך זענען זיי ניט קעגן רעליגיעזע פארפאלגונג אדער עקאנאמישע עקספלואטאציע פון שוצלאזע. די יידן אבער זענען קיינמאל, ניט אליין ביי קיינעם געווען קנעכט, נאר זיי זענען אומעטום געווען אין פאדערגרונט פון קאמף קעגן אונטערדריקונג און פארשקלאפונג. אין אלע לענדער ווו זיי האבן זיך אויפגעהאלטן אין משך פון דעם לאנגען גלות האבן זיי מקריב געווען זייער לעבן פאר דער פרייהייט פון זייערע שכנים. און צו מען וויל אדער ניט מוז מען דאך מודה זיין אז דער טעארעטיקער פון היסטארישן מאטעריאליזם האט איינגעזויגן מיט זיין מוטערס מילך דעם „עבדים היינו לפרעה במצרים“ פון דער הגדה של פסח.

יוסף לעפטוויטש

## היטלער

איבערן ים
הערט דער שופר זיך.
אין ווארשאווער געטא
שעכט מען מיך,
נישט נאר די יידן
וואס שטארבן דארט,
נאר יעדן ייד,
אויף יעדן ארט.

דער שופר הערט זיך.
ער זאגט צו —
יידן וועלן לעבן,
פגרן וועסטו!

דער שופר בלאזט
אויפן קול —
גאט האט אונז באשאפן
פעסט ווי שטאל.

דיין האמער צעקלאפט אין אונז
א לאך נאך א לאך,
אבער מיר יידן וועלן בלייבן אייביק
לעבן דאך.

א שטיין אין מצרים
זאגט — „אין אונזער דור
איז ישראל חרוב,
ניט געבליבן קיין שפור“.

אבער מיר יידן לעבן,
מיר וועלן בלייבן גרויס,
ווען דו וועסט ווי פרעה זיין פארגעסן,
און דיין פאלק וועט זיין אויס.



שמואל וואהייט

## פרילינג אין וואלד

(יוסף הלל לעווין ע.ה. צו זיין 7־טער יארצייט)

געהילט אין נעפעל ליגט דער וואלד,
סודותדיק און שטיל פארבארגן,
טרוימט וואלד פון קומענדן מארגן —
— פון אַ גרין באַצירטן געשטאַלט,
אונטען ווארצעלט ס׳פילע לעבן
און אויבען שפראצט גרין־רויטער פראַנג,
צאַרט טרילערט פויגעל זיין געזאַנג,
וועקט זיך ניי האפן — ניי שטרעבן.

פריילינג פראַכט,
כישופט נאכט,
מיט רייץ — מיט פראַכט,
ווייררויך דופט
דאמפט די לופט,
וואס בענקט וואס רופט . . .

דויד בערמאן

## דעם פאסטוכס בערגעלע אין גליל

אין איין שיינעם פרימארגן גייט א פאסטוך אויפן וועג צו זיינע שאף, זינגענדיג א לידעלע. באלד קומט ער צו דער גרויסער סטאדע פון דריי הונדערט שעפסן מיט זייערע לעמעלעך; שיינע, ווייסע לעמעלעך.

— שיינע, ווייסע לעמעלעך! — רופט דער פאסטוך.

זיינע שעפסן קומען אלע צו אים מיט די לעמעלעך, אבער ווייל די לעמעלעך זענען צו קליין און שוואך צו קריכן ארויף אויפן בארג, נעמט ער און שטעלט זיי אלע הינטער א קליין טויער.

רופט ווידער דער פאסטוך די שעפסן, פאלגן זיי אים נאך בשעת ער גייט פארויס, די קעפעלעך געבויגן און זייערע גלעקעלעך קלינגען. דער וועג פירט פארביי א לאנגער שטייג, וואו טויזנטער שניי־ווייסע הינדעלעך קוקן ארויס דורך די דראטן. באלד קומען די שעפסן צו צו דער גרויסער שטאל, פול מיט זעכציק ברוינע, פעטע קי און דרייסיק קליינע קעלבעלעך, וואס זענען מעלה־גרה קוקנדיק ווי די שעפסעלעך גייען פארביי. קורץ דערנאך זענען זיי שוין ביים שיינעם ווייַנגארטן, וואו די לופט איז פול מיטן ריח פון וויינטרויבן. ווילן אלע שעפסן אריינלויפן אין ווייַנגארטן אריין און אויפפרעסן די טרויבן. לויפט דער פאסטוך זיי נאך און מאכט זיי ווייטער גיין אויפן וועג צום בארג. ענדלעך קומען זיי דארטן אהין און גייען לאנגזאם אלץ העכער און העכער אויפן בארג.

דאַרט איז א מחיה! בלומען אומעטום, ווייסע, רויטע, בלויע און אויך אסך גראז, וואס די שעפסן פרעסן עס מיט הנאה. שטייט דער פאסטוך אויפן בארג און קוקט ארונטער אויף זיין קיבוץ בית־העמק. ער זעט ווי די בחורות ארבעטן אין ווייַנגארטן. די שיינע מיידלעך זינגען א ישראלדיק פאלקס־לידעלע

ביי דער ארבעט. דעם גאנצן קיבוץ פון פיר טויזנט דונאם לאנד קאן ער זעען און ווי א הונדערט חברים ארבעטן אזוי שווער אויף די גרינע פעלדער. ווייטער זעט ער די ווייסע הייזעלעך מיט זייערע גערטנדלעך פול מיט בלימעלעך. נאנט דערביי שטייט דער הויכער וואסער־טורם און דער חדר־האוכל (עס־זאאל). וואסער־שפרענגערס שפרענגען טראפנס וואסער, וואס פאלן ווי ברילִיאנטעלעך אויף די גרינע פעלדער, אויף דער דורשטיקער ערד. פונם קיבוץ ביזן ים זעט ער פעלדער און דערפער.

אלץ קאן דער פאסטוך זעען, פונם הר־הכרמל ביזן לבנון און פון חיפה ביז נהריה, נאר שענער ווי אלץ איז דער בלויער ים־התיכון! ווי ווייט די אויגן קאנען זעען איז עס בלוי, ווי א סאפיר, ביז דער ים טרעפט די בלויקייט פון הימל, וואס ער שפיגלט אפ.

ווייל עס איז אזוי ווארעם, זעצט זיך דער פאסטוך אונטער א ליב בוימעלע אין קילן שאטן. ער קוקט ארום זיך און חלומט, אז עס איז זיין אייגן בערגעלע, זיין אייגן קליין וועלטעלע . . . ער זעט ווי צווישן די ביימער וואקסן אלטע ווײַנשטאקן, וואס שפרייט אויס זייערע צווייגן אויף דער ערד. דערביי זענען קאקטוסן, און בלומען וואקסן אומעטום, אפילו צווישן די שטיינער וואקסן אויך ווייסע בלימעלעך. אלץ ארום אים זעט אויס אזוי פראכטפול, אזוי שיין אין די זונענשטראלן. אויך דאס שפין־געוועב איז פול מיט וואסער־טראפנס, וואס פינקלען ווי ברילִיאנטעלעך.

די שעפסן גייען ווידער פארויס און ער גייט נאך זיי. פון דער ווייטנס זעט ער די ווייסע הרי־לבנון, און אויף מזרח זייט זענען די בערג פון גליל. וואו ער קוקט זעט ער בערג און בערגעלעך, קליינע און גרויסע. עס זעט אויס ווי זיי וואלטן געטאנצט פאר זיינע אויגן.

— אוי, ווי שיין איז אונזער גליל! — טראכט דער פאסטוך מיט א זיפץ; שיין ווי א חלום אין זומער.

— אונטער א פייגן־בוימעלע זיצט ער און גיט אכטונג אויף זיינע שעפסן. אביסל שפעטער פילט ער זיך הונגעריק און נעמט ארויס א שטיק ברויט פון דער קעשענע און עסט עס מיט פארגעניגן. זעט א שעפסעלע דאס ברויט, וויל עס אויך א שטיקעלע עסן. גיט ער דעם שעפסעלע א שטיקעלע פון זיין ברויט.

די זון איז אזוי הייס, אז עס מאכט אים דורשטיק. טרינקט ער פון זיין וואסער־פלעשל און טרינקט אלץ אויס מיטאמאל.

— אוי, ס׳איז א מחיה! — טראכט ער, — ס׳איז אזוי קיל!

דערנאך לייגט ער זיך אנידער ביים פייגן־בוימעלע און נעמט ארויס א פייפעלע פון קעשענע און שפילט א גליל־ניגונדל. גלויבט ער טאקע, אז ארום אים שפילט די גאנצע נאטור אויך א ניגונדל. די פייגעלעך פליען פון בוים צו בוימעלע און זינגען אזוי שיין. די בינען ברומען מיט בשעת זיי פליען פון בלום צו בלימעלע. שפילט ער ווייטער, הערט ער די גלעקעלעך פון זיינע שעפסן קלינגען בשעת זיי בויגן איין זייערע קעפעלעך צו עסן. און דער ווארעמער ווינט שפילט זיך מיט די בלעטעלעך.



אויבן שיינט די זון אין א ליכטיקן, בלויען הימל, ווי א פלאמענדיק רויט פייער.

—עס איז שוין צייט צוריקצוגיין צום צאן, — טראכט דער פאסטוך, און שטייט אויף צו רופן זיינע שעפסן. זעט ער הינטער א בוימעלע א שעפס מיט א שניי־ווייס לעמעלע, ניי געבוירן. הויבט ער אויף דאס שיינע לעמעלע און טראגט עס אויף זיינע הענט. לויפט די מאמע־שעפס אים נאך און גייט אים ביי דער זייט. אזוי גייען זיי שוין צוזאמען פארויס און הינטער זיי פאלגן נאך די הונדערטער שעפסן ביז ארונטער פון בארג און צוריק צום צאן, גייענדיק דאס מאל דורכן קיבוץ בית־העמק. באלד קומען זיי צו צו די ווייסע הייזעלעך, וואו די חברים וואוינען, וואס דערביי איז דער גן־ילדים, וואו קינדער שפילן זיך. ווי זיי דערזעען דעם פאסטוך קומען מיט די שעפסן, רופן זיי אויס,

— כבשים יפים! כבשים יפים!

די קינדער לויפן נאך די שעפסעלעך ביז צום צאן, וואו עס ווארטן שוין אלע צוויי הונדערט הונגעריקע לעמעלעך. דערזעענדיק די מוטערס זייערע צוריקקומען, שרייען זיי,

— בע־ע־ע־ע!

דערהערנדיק זייערע לעמעלעך, לויפן אלע שעפסן פארביי דעם פאסטוך, כדי צוצוקומען צו זייערע לעמעלעך, און גיבן זיי זייער מילך צו זייגן.

ווען אלץ האט זיך איינגעשטילט, פארמאכט דער פאסטוך די טויערן פון צאן און גייט אליין צוריק אין קיבוץ אריין, זיין טאג ארבעט געענדיקט.

## מערי קויהען

### מיין היים

(געווידמעט בן־א סאכאטשעווסקי ע.ה. צו דער 4־טער יאָרצייט)

וו איך בין געבוירן דאָס שטעטל,
לאַנג שוין פון איר שוין אַוועק,
געשטאַנען דאָרט מיין קינדיש בעטל,
אַ שעניקל, א וואַטענע דעק.

דאָס הייזל לאָדן פון שטאַבעס,
גערטנדלעך צוויי ביי דער זייט,
מיטן טאַטן פלעג איך יעדן שבת,
אין שול גיין אין יענער צייט.

אין גערטנדלאַך בלומען פאַרזייען,
עופות אַרומגעגאַנגען, פיל אָן צאל,
אויפן הייפל דער האָן מיט זיין קרייען,
פרי אויפוועקן מיך יעדעס מאָל.

די היסטאָרישע געסט אָנגעקומען,
אַלעס געוואָרן אָפּגעשטעלט,
און יעדער מיט זיין איז פאַרנומען,
אין שול גיין — קיינער פאַרפעלט.

די סטעשקע קרומע האָט זיך געצויגן,
צווישן פעלדער א טייכל דאָרט,
דאָס איז אַזוי גיך פאַרפלויגן,
ווי פאַרלאָזט כ׳האבן יענעם אָרט.

דער וועלדל, יעגלאָווער, א גרינער,
פאַרשמעקט אַרום און אַרום די לופט,
בענקען נאָך דעם וועל איך אימער,
אוי, שטענדיק עס ציט און עס רופט.

## הענרי גרינבאום

### פ ס ח

אין פסח זיצט מען ביי דעם סדר,
עס איז יום טוב פון פרייהייט,
פרוי און קינדער אין שיינע קליידער,
אלע ארום טיש, ביי דער זייט.

אליהו אין יידישע הייזער גייט,
שטרענג כשר ריין איז די היים,
אונדער לאנד צוריק אויפגעבוירט,
מיט גאט׳ס הילף, ברוך השם.

## משה דאמב

### אויף חרובע וועגן

(צווייטער טייל)

ווען יחיאל איז צוריקגעקומען פונם דארף אין שטעטל אריין, איז ער גלייך געגאנגען צום טאטן אינדער גארבעריי פון דער קעלער־שטוב. זיין מיטלוווקסיגער טאטע מיט דער שאטין האריגע בארד ווי א רידעל, פיטשינקע געקרייזעלטע פיאולאך ווי קליינע שטאלענע ספרוזשינקעס, צעשארטע האר מיט א געלבבליך פון לעדער שטויב, סאמעטן קאפל אויפן שפיץ קאפ, א פארשוויצטער האלב טונקעלער און האלב מארמאר־ווייסער תלמיד־חכם שטערן, גוטמוטיקע פארזארגטע טיפע בייער־אויגן, וואס קוקן שטאר און אפט קוקן זיי פארברוגזט, בטבע א שווייגענדיקער מיט זיפצן און אכצן און פון צייט צו צייט ברומט ער ווי צו זיך אליין: אוי, רבונו של עולם... באלד ווערט ער ווי שטום, ער קוקט פארטראכט אין חלל אריין און פלוצלונג גיט ער זיך א רייס אויף ווי פון א קאשמאר, ווי ער וואלט חרטה געהאט מיט זיין זינדיקן קעגן גאטס ווילן . . .

אינדער גארבעריי איז איטשעל גארבער געשטאנען אריבערגעבויגן איבער א צעשפרייטע גרויסע פארנעצטע שטינקענדיקע אקסן־פעל, מיט א צווייזייטיק לאנג שארף מעסער געשאבן די דאזיקע פעל, זיין דארער גוף האט זיך מיטגעשאקלט מיט די בלא אדערדיקע אנגעשטרענקטע הענט, בעת ער האט געשאבן די פעל, ער האט שווער געאטעמט און מיט אנגעבלאזענע באקן האט ער אריינגעבלאזן אין דער פעל אריין, ווי ער וואלט וועלן מיט אלע כוחות לעבעדיק מאכן דעם אקס, א געשטאנק פון רויע פעל אויסגעמישט מיט צעווייקטע דעמבענע קארע, פליישיק געגליווערטע לאם־לעדער, אויסגעלאזטער קאלך, אקסידע, באזונדער איז די לופט דא געווען זער פארעיפושט פונדער שימעלדיקע אפגעשאבענע קופעס פעלן האר און פארדימפענע פעטע און בונטע נעציקע ווענט פלעקן, קויטיגע גארבער פארטוכער האבן זיך געטריקנט אויף א פארשאווערטן גארבער פאס. אזוי ווי יחיאל איז זער זעלטן אראפגעקומען צו דער גארבעריי, האט אים דער דאזיקער ריח צערייצט די נאז־פליגלען, זיין טאטע האט אפילו ניט געהערט ווען ער איז אראפגעקומען פונדער שטוב, ווען יחיאל האט זיך נאר דערנעטערט צום טאטן, האט ער באלד דערזען ווי ביים טאטן אויף די האריגע ליפן הענגט א דינטשיק מאכארקע ציגארעטל,



פון וואן סע האט זיך געשלענגלט א בלא וואלקענדל מיט רויך, וואס האט אביסל געמילדערט דעם גארבערישן עיפוש, ווען יחיאל איז צוגעקומען צום טאטן, איז זיין נשמה געווען איבערפולט מיט עפעס א זוד, מיט א פייער פון זיין נאטור, זיין הארץ איז געווען איבערפולט מיט גוטע, ווארעמע געפילן פון גליק און אנטציקונג, זיין הארץ האט געצאפלט פון אן אנגענעמע אויפרעגונג, ער האט אים מיט דרך ארץ א ריר געטון ביים העמד וואס איז געווען ארויפגעשארצט ביי די אדערדיקע ארעמס און ער האט סודותדיק א זאג געטון: אוי, ווייסט טאטע . . . האסט גארניט געהערט? . . . הממממ . . . אוי . . . וועסט ניט גלויבן . . . כ׳האב היינט אפגעראטעוועט א מנין יידן פון א זיכערן טויט . . . הערסט א זאך . . . יא, פון א זיכערן טויט . . . אזא מעשה . . . הערסט? . . . זיין טאטע האט שווער אפגעאטעמט, זיינע אויגן זענען געווארן טיפער און מילדער, געפיפטשעט און געצויגן פון נעציקן טאבאק פארגעלטן ציגערעטל, אויסגעשפיגן א שטיק טאבאק און צום סוף אוועקגעווארפן דעם נעציקן האלב אויסגערויכטן מאכארקע ציגארעט, ער האט א וויש געטון מיט צוויי צעווייקטע צעקנייטשטע פינגער, דעם צווייזייטיקן מעסער־שארף, זיך א ווײַלע פארטראכט, נאכדעם ערשט מיט א שטארן פארוואונדערטן בליק א קוק געטון אויף יחיאלן: אייגענטליך פארשטיי איך גארניט וואס דו רעדסט . . . וואס מענטשן האבן זיי געוואלט מימותן? . . . כווייס, א קשיה אויף א מעשה . . . מא . . . בא אונז טרעפט זיך אלץ . . . אז עשון פאלט איין קען ער אונז איבער נאכט אלע אומברענגען . . . הערסט א מעשה, וואס עשו קען אלץ . . . יחיאל האט זיך פאוואליע דערנעטערט צום טאטן און שטיל צו אים געזאגט: דו ווייסט דאך ניט וואס . . . כהאב זיי ארויסגעשלעפט פון שעפסלס טייך מיט א זינקענדיק שיפל, זיי וואלטן שוין היינט געווען פארשלעפט ערגעץ מיטן שטראם, אזש העט ביזקל דער סאנדערמיערער ווייסל . . . אוי, האבן זיי דאס מזל . . . הערסט טאטע? . . . זיין טאטע האט זיך פאוואליע געווישט מיטן העמד פון די ארעמס דאס פארשוויצטע פנים, שנעל זיך אויסגעטון דאס נעציקע פארטוך, זיך ארומגעוואשן, נאכדעם זיך ארומגעגארטעלט מיטן האנטוך און גלייכצייטיק שנעל אזאג געטון: חיל חיל . . . מזל שמזל . . . דאס איז א גאט זאך . . . מע לעבט אלץ מיטן חסד פון רבונו של עולם, ווייטער גארניט . . . צום הימל טאר מע ניט האבן קיין שום טענות . . . סע זענען דא שלעכטע מענטשן, ווייטער גארניט מיט גארניט . . . אלץ קומט פון מענטשן, אבער אויבן אין הימל ווייסט מע אלץ . . . אפילו ווען א מענטש גיטס זיך א שניט אין פיטשינקן פינגערל אריין . . . דער אין הימל ווייסט ווען און ווו און וועמען צו העלפן . . . יחיאל האט אים איבעררריסן מיט א שטארן בליק און א פארכאפטן אטעם: טאטע, וואס אייגענטליך מיינסט דו מיטן ווארט שלעכטע מענטשן? . . . איטשעל האט פארגלייזט זיינע אויגן און פאוואליע א זאג געטון: א קשיה אויף א מעשה, מענטשן האבן מסתמא געמאכט א לעכל אין דעם שיפל אין שוין . . . יחיאל האט אראפגעלאזט דעם קאפ און שטיל א זאג געטון: טאטע, ביסט כשר גערעכט, וואס מענטשן קענען אלץ, קענען חיות אפילו ניט חלומן . . . טאטע, וואס א שטייגער האט מע פון דעם, מע

שטאמט פון א יחוס, מע איז א געלערנטער, אדער א גרויסער למדן, דערצו א שלעכטער מענש . . . איטשעל האט זיך א ציפ געטון ביים בערדל, גלייכצייטיק אויפגעהויבן זיין באַרדישע גאמבע און מיט א תמימותדיק שמייכל כסדר גערעדט: אוודאי אזוי . . . הממממ . . . האסט געהערט א מעשה . . . פששש . . . דער למדן ווייס ווען זיך צו מאכן גוט . . . נו יא . . . מע נארט אפ . . . הע, הע, הע . . . גיי לערן א וועלט . . . אז אסך מענשן קענען אפילו ניט לערנען פון זייער אייגן אומגליק, וואס זיי שאפן זיך מיט זייער שלעכטקייט . . . א שלעכטער מענש איז נעבעך אן עונש פונם רבונו של עולם . . . שלעכטס ברענגט שלעכטס, גוטס ברענגט גוטס, הע, הע, סע איז דאך דא א גמרה: מצוה גוררת מצוה, ועברה גוררת עברה, ווייטער גארניט אין שוין . . . איטשעלעס אויגן זענען געווארן שפיזיק, שארף, סע האבן זיך געמאכט ארום די אויגן אזעלכע הויך ארויפגעשארצטע שלעפן, וואס דריקן אויס כעס און גלייכצייטיק שרעק, זיינע נאז־פליגלען האבן זיך באוויגן מיט פיבערישקייט, אויבערפלעכליך האט זיך געדאכטן, אז ער איז קאפאבעל צו טון חלילה עמיצן שלעכטס. איטשעל האט זיך בלויז שטארק איבערנומען מיט די היינטיקע שלעכטע וועלט און מענשן וואס גייען אויף וועגן וואס פירן צו חורבות מיט זייער פארביסענע שלעכטקייט, גלייכצייטיק האט ער זיך געטרייסט און געפרייד וואס זיין זון האט היינט געראטעוועט א מנין מענשן פונם שטעטל, אדראבא, האט ער ביי זיך געטראכט, זאל חאטש דער רבונו של עולם זען אן זיין בלוט און פלייש, זיין יידישע טיפע איידעלקייט געירשנט פון זיינע איידעלע עלטער זיידעס און באבעס, ווערט ניט חלילה פארלוירן, סע געפינט א תיקון אין זיין זון.

זייט יחיאל האט געראטעוועט די מענשן פונם טייך, האט ער זיך אזוי פארקילט, אז ערט געמוזט אפליגן אזש זעקס וואכן אין בעט, זיינע הענט און פיס זענען געווען כמעט ווי פאראליזשירט פון צופיל אנשטרענגען זיינע מוסקולן ביים ציען דאס שיפל צום ברעג, ער האט געקריגן א לונגען אנצינדונג, דער פיבער האט אים כסדר געטרייסלט און אויסגעמאטערט, די שטעטלדיקע מענשן האבן זיך באצויגן גלייכגילטיק צו זיין זער ערנסטע לאגע, זיך געמאכט ניט ווויסנדיק אז ער איז ערנסט קראנק און האלט ביים שטארבן. מלכה מיט די גאנצע חברה האבן פרייליך שפאצירט איבערן מארק און כסדר נאכדערציילט די ניסים מיטן שיפל, אפילו אויסגעמיטן צו דערמאנען יחיאלס נאמען, זייער בייזוויליקייט איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז אינזיך האבן זיי אים אויסגעלאכט, ווי זיי וואלטן וועלן זאגן: הא, הא . . . אזא נאר . . . געלאפן ראטעווען . . . יא, יא . . . כדי זיך צו ווייזן פאר מלכהן מיט זיין וווילױנגערישקייט, הע, הע. מע קען שוין אזעלכע מענשעלאך . . . וועגען דינהען האבן זיי געטראכט מיט ערנסט, ווי זיי וואלטן אומגערנווויליק געוווסט אז זיי וועלן זי שוין קיינמאל אין לעבן ניט זען, באזונדער האט לאנדאן ביי זיי אויסגעזען ווי א סמבטיון . . . פון צייט צו צייט האבן זיי דערמאנט וואס סע איז געשען אין צעלין און אז דינהעס עלטערן ווױנען אין חמיעלניק, זיי האבן דאס דערמאנט צופעליק און אויבערפלעכליק, אזוי ווי זיי מיינט מע גארניט . . . חאטש יחיאל איז געווען זער



קראנק האט ער שנעל געהערט רעדן אין דער צווייטער שטוב וועגן דער מעשה צעלין, סע האט אים דאס שטארק ווײ געטון, פון שלאף פלעגט ער כסדר שרייען: אוי, ראטעוועט די צעלינער יידן . . . פעסעלע אזא טייער קינד . . . שעפסל, קריינדל, שמוליק . . . אוי, יא . . . אווו איז דינה? . . . ער האט שטארק רחמנות געהאט אויף זיי אלע, אינדער מיטן דער נאכט פלעגט ער וויינען און שלאכצן אויף דעם חרבון צעלין, זיין טאטע מאמע האבן זיך פאר דעם געשראקן און צומארגנס באלד געשיקט נאכן שטעטלדיקן פעלטשער, ישראל איטשע רופה, ווען ישראל איטשע איז געקומען, האט ער באלד יחיאלן באטאפט פון קאפ ביזקל די פיס, נאכדעם האט ער שוויייגענדיק ארײנגערופן יחיאלס עלטערן אין דער צווייטער שטוב אריין און מיט א שטילע סודותדיקע שטימע האט ער צו זיי געזאגט: איטשע, רוף שנעל דעם קעלצער דאקטאר . . . דער יונג איז א חולה מסוכן . . . הערסט? . . . באלמיטשע ניט . . . ער קען חלילה . . . גיי שוין און פאר . . . פרעג גארניט קיין קשאיות . . . הערסט? . . .

ישראל איטשעס רייד, האבן איטשע גארבער צעטראגן, ער האט ביי זיך געטראכט: דער ישראל איטשע איז דאך א הארציקער ייד . . . מסתמא ווייסט ער וואס ער רעדט . . .

איטשעל גארבער האט שנעל פארקויפט זיין גענזען־פוכיקע פערינע און שנעל געלאפן צו יוסל סענק דעם בעל־עגלה, וואס וווינט אזש נעבן קאפל דראזשקארזש אין קעלצער גאס ביי די קאלך אויוונס, ער האט שנעל זיך מיט אים משווה געווען קיין קעלץ כדי צו ברענגען דעם יידישן דאקטאר קיין פיערזשניצע. דער דאקטאר האט געהייסן, צדוק אכאטינאווא אַ רוסישער ייד, בעת די ערשטע וועלט מלחמה איז ער געווען גלאווני־ווראטש אין דער רוסישער ארמיי, זיין אפטיילונג איז געשטאנען אין חמיעלניק בעתן פראנט מיט די עסטרייכער, זיין קוואטיר האט ער געהאט ביים חמיעלניקער ביער־ברויער, ר׳ מיירעל בלאס, ווען די עסטרייכער זענען אנגעקומען קיין חמיעלניק, האט זיך דאקטאר אכאטינער באהאלטן אין א ריזיקן ליידיקן ביער־פאס, נאכדעם האט מע אים איבערטון צעווילע מלבישים און ער האט געוווינט ביים ברייער אזוי לאנג ביז די עסטרייכער זענען פון פוילן אפגעטרעטן, סע האט זיך אים גאנץ פיין געלעבט ביי די משפחה בלאס, די בעל־ביתים זענען געווען זער איידעלע גוטע מענשן, דארט האט ער געהאט א שאנק מיט ספרים, ביכער, ר׳ מיירעל מיט זיין טאטן ר׳ בנימן, זענען געווען גרויסע למדנים, די באלעבאסטע בריינדעלע איז געווען א גוטע נשמה, דערצו זער געבילדעט, זי איז געווען צו אים ווי צו א אייגן קינד, זי האט דאס געפועלט ביי אים אז ער זאל זיך אויסבעהאלטן אין דעם דאזיקן הויז, זיינע טעג פלעגט ער פארברענגען אין אסך לערנען תלמוד, לעזן אסך, ער פלעגט שפילן שאך, אן אקעלע, זעקס און זעכציק, אפט זיך געשפילט מיט די קינדער, אממערסטן האט ער ליב דאס יונגסטע יונגעל, משהלע, אים שטענדיק געגעבן מיענטע צוקערקעס אין געמאלענע בלעכענע פידעלאך, הארטע סוכארעס געפאקט אין זילבער פאפיר, דערציילט מעשהלאך און דערביי אים שטענדיק געקניפן די פעטע בעקלאך.

ווען פוילן איז באפרייט געווארן, איז דער שיינער זיבנאונצוואנציק יעריקער דאקטאר צדוק אכאטינאוו אוועק קיין קעלץ און דארט איז ער געווארן הויפט דאקטאר אין דעם מיליטערישן שפיטאל, ביים ברייער האט ער איבערגעלאזט אסך רוסישע ביכער, ווען ער איז אוועק האט ער געוויינט ווי א קינד, צוגעזאגט קיינמאל ניט צו פארגעסן די מאמישע גוטסקייט וואס ער האט גענאסן אין דעם עכט אריסטאקראטישן יידישן הויז און אויך אין די מענשן וואס ער האט געקענט אין חמיעלניק און ארום חמיעלניק, איטשעל גארבער האט ער גוט געדענקט ווען ער האט פאר אים געבערענגט א פאר גימזענע כאלעוועס פון שטיוול, ווען סע זענען געקומען די ווינטער פרעסט.

אין קעלץ האט דאקטאר אכאטינאוו באלד חתונה געהאט מיטן זער אנגעזענעם בעל־הביתעס טאכטער, דאס שענסטע מיידל פון קעלץ, זי האט שטודירט אין רוסישע שולן, דער דאקטאר האט זי זער ליב געהאט, זיי האבן געהאט צוויי טעכטער, איינע האט געהייסן רחל און די צווייטע האט געהייסן זיסל, ווען זיי זענען גרעסער געווארן האט די מוטער זיי פארצויגן די נעמען, רחלען האט מע גערופן רעניא און זיסלען האט מע גערופן זענא, רחל איז ניט געווען אזוי שיין, אבער זיסל איז געווען א בילד שיינקייט מיט אויסערגעוועגליכע פעיקייטן צום לערנען, צו זיבצן יאר איז זי שוין, געווען א סטודענטן אויפן ווארשעווער מעדיצינישן פאקולטעט, זי איז געווען גלייך, הויך און שלאנק, געטאקטע מוסקולירטע הויכע פיס, פלאקסענע גלייך געקעמטע האר, רונדע עפלדיקע ברוסטלאך, פיטשינקע רויטע ליפעלאך, מיט צוויי שמייכלדיקע ווינקעלאך אין ביידע זייטן ליפן און חן גריבעלאך אויף די ראזע בעקעלאך, א שלאנקן ווייסמעווע האלדז, אויגן העל־בלויע ווי דער פוילישער מיטנזומערדיקער בלויער הימל, קליינע אוירן מיט ראזא דורכזיכטיקע לעפעלאך און פיטשינקע רייצנדיקע אוירנגלאך, זי האט שטענדיק געשמייכלט און דערביי האבן זיך אירע נאז לעפעלאך געפליגעלט ביי איר פארריסן קליין נעזעלע.

ווען זענא האט געלערנט אינדער קעלצער פרויען גימנאזיום איז דינה ריינעס געווען איר בעסטע חברטע, דינה האט איר אסך דערציילט וועגען יהיאלן, אסך מאל האט זיך זענא געבעטן ביי דינהען אז זי זאל זי אמאל מיטנעמען קיין צעלין, כדי צו האבן די געלעגנהייט צו באקענען יחיאלן, דינה האט דאס שטענדיק כמעט אפגעלייגט מיט פארשיעדענע תרוצים און מיט דער כונה אז יחיאל זאל ניט זען שענערע און אינטיליגענטרע מיידלאך ווי זי דינה איז. ווען זענאס פאטער איז געפארן באזוכן דעם קראנקן יחיאלן קיין פיערזשניצע, איז איר זענאן אפילו ניט איינגעפאלן אז דאס איז דער יחיאל וואס דינה ריינעס האט אים שטענדיק דערמאנט, דינה האט איר אפילו געוויזן יחיאלס בריוו מיט צארטע ליבעס אויסדרוקן.

„די אידישע שטימע“
די איינציקע וואכנצייטונג אין דער אידישער שפראך אין דעם לאנד.
THE JEWISH VOICE LTD.
11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804



עלע זילבערג

## א בריוו

געווידמעט יהשוע ריווין

אין ענגלאנד, אמעריקע פוילן,
א וואו נאר עס באזעצט זיך א איד,
דערהערט מען די זעלביקע טענות,
דערקענט מען דאס אלטיטשקע ליד.

פון טרערן רחמנות און תפילות,
פון מאמעס מיט ביינערקע הענט,
פון ביינקשאפט נאך קינדערשע יארן,
פון הערצער מיט טרויער פארקלעמט.

כאַטש כ׳האב דיך קיינמאל ניט געטראפן,
דו ביסט ניט א פרעמדער ביי מיר,
עס האט היינט דיין בוך מיט די לידער,
אין טריישאפט געעפנט די טיר.

דאני אבס

## וויאלין אין גאלדערס גרין

נישטא קיין טרויער ווי אט א דער.
דארף וויאלין זיין אונזער סימבאל,
ווייל טרויעריק פנים פון וויאלינסט
איז דאס פנים פון ייד דעם וואנדערער.

וואס דען קאן א בלאך אויסדריקן
חוץ יארן צוויי טויזנט פארלוירענע ?
נישט סטרונעס רירט סמיטשיק נאר נערוון —
פארוואנדלטן אוי, טריאומף פון צוקן.

קשיות נישט צו ענטפערן פרעגן מיינע קינדער,
קשיות געזאלט כ׳האב פרעגן זיירן מיינעם :
פונוואנען און וואו געקומען איז זיידע זיינער ;
פארוואס תמיד זעלבע טרויער־מאסקע בלינדע

זיך פארבארגן האט אין נאמענלאזן פעלד פון ווייץ
בעת קאפיטעס פארבייגעדונערט ; פארוואס, מיט בארד נאך,
בעטלט נאך, אין פראק שוין שפילט ייד דער וואנדערער
בלאך׳ס ניגונים יידישע מיט רייץ ?

איצט, ווי לשונות נישט משיג ס׳איז פארשטאנד,
ווי צאנקענדיקע ליכטלעך פרייטאג אויף דער נאכט
אפגעשפיגלטע אין פענסטער־שויב,
באוואוין איך גייסטער אין א ווייטלעך לאנד.

פון ענגליש א. א

א. נ. שטענצל

# אין סאסנאווער וואלד

(צווייטער טייל פון קאַפּיטל)

## 2

אין יענע יארן, ווען שמחה בונם ווידעסלאווער האט געגעסן קעסט אין בענדין און מלא כרסו בש"ס ופוסקים, נאך גאנצע טעג זיצנדיק ביי דער גמרא, אין די נעכט זיך גענומען מיט זיין שארפן קאפ זיך פארטיפן אין קבלה, עוסקן זיך אין חכמת הנסתר, איז ער זיינע התבודדותן אין די באגינען שעהן, — ווען די שכינה איז מנהמת כיונה; פון הימל אראפ, פון אלע פארבארגענע, טונקעלע ווינקלען ארויס, ווארקעט עס און וויינט ווי א פארבענקטע טויב; אין בין השמשות-שאריען, ווען די ערשטע שטראלן פון דער זון ציען זיך דורכזעעוודיק-דין און בלוי-געשפאנט ווי די סטרונעס אויפן כנור של דוד; — ארויס פון בית-מדרש איז ער, א צעשויבער-צעחושטער, ארויס פון די טוליענדיקע שלאפנדיקע געסלעך, ארויס פון שטאט, געטאפט און געבלאנדזשעט, געזשמורעט מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן ביז ער איז אריין אינם סאסנאווער וואלד, בראדיענדיק, שווער-אטעמענדיק אין די דיקע ווארצל-קזשאקעס, זיך שטרויכלענדיק אינם צווייגן-געפלאנטער, זיך סארפענדיק; יא, ווי דער באראן יצחקן אפצוראטעווען איידער די זון בליאסקעט אויף! אזוי איז ער געלאפן און געסאפעט און אומגעהארישע קולות האבן זיך פון אים געריסן, ביז ער האט פלוצלינג דערשפירט דעם „ויפח באפיו נשמת חיים" און פון אלע ביימער האט עס געפאכעט איבער אים, פון יעדן צווייגל געזונגען און זיין הארץ האט געאטעמט אזוי שטיל. אין איינעם א פרימארגן האט ער געהאט פארבלאנדזשעט ווער ווייסט ווי וויט, האט אים א האנט אנגענומען ביי זיינער און אים געפירט א פארזשמורעטן ביז צו דער בית-המדרש שוועל און אים איינגערוימט אין אויער: „יונגערמאן, האסט משיג געווען דעם סוד ,אכלת יערי עם דבשי'." ווי א סגי-נהור איז ער אריבער די שוועל, זיך צוגעשארט צו דער ספרים-שאנק און געבליבן שטיין מיט פארזשמורעטע אויגן א גאנצן טאג פון לויטער פחד. דאָס איז טאַקע געווען דער זעלבער ר' בונם, וואָס איז שפּעטער געווען דער וועלדער-פארוואלטער ביי טעמערלען, געוואָרן דערנאָך דער באַרימטער פשיסכער אַפּטייקער, פאַרשטייענדיק די הײלנדיקע מעדיצינען און הייליקע סגולה-און רפואה-קרייטיכצער וואָס שטעקן אין יעדן וואַלד-פּאַזימקעלע און יאַגדעגרעזעלע און לסוף געוואָרן דער רבי ר' בונם, דער גרויסער סגי-נהור, וואָס האָט טיף געזען מיט איין זשמור, ווי דער חוזה-מלובלין מיט ד' „מאה פרסה על ד' מאה פרסה" . . .

עס איז נאך געווען יענעס יאר איידער די הוזארן אין די רויטע הויזן האבן זיך מיט בלאנקע שווערדן געשניטן א וועג דורכן וואלד, איידער די קאזאקן אויף די קליינע פערדלעך האבן זיך דא געבראדיעט און מיט זייערע פיקעס זיך אדורכגעשטאכן דורך דעם געקזשאק; אין יענע יארן האט זיך דא דער וואלד נאך געצויגן גרענעצלאז! וואס מיר זאמקעוויצער, סלאווקעווער,



עלקישער וועלדער, ס'איז געווען איין געוואלדיקער, גרויסער סאסנע-וואלד — א טיפע אומענדלעכקייט — ביז איבער די קנעכל איז מען געגאנגען אין זשיוויצע. פון די וועלדער דא האט דער רבי ר' יהונתן ריח-נחוחדיק ארויסגעטראגן אין דער ווייטער וועלט ארויס זיין „יערות דבש".

אין יענע יארן נאך פונם רבי ר' בונם, ווען ער איז נאך געזעסן אויף קעסט אין בענדין, איז דער וואלד נאך געווען בתקפו. וואס מיר פרייסן, ווער מיר קיר"ה, פון איין זייט איז געזעסן דער גאון אין נגלה און אין נסתר ר' בעריש אשפיצינער און פון דער אנדערער זייט דער בענדינער רב ר' משה האמבורגער, דער שוואגער פונם רבין ר' אלימלך און רבין ר' זושע, אין די חבריה, פון דער זייט פוילן, אויף זייער אויפגיין צום מגיד קיין מעזריטש, צו ר' לוי יצחקן קיין בערדיטשעוו, האבן זיך דא געזאמלט אין דעם וואלד אין א כנופיה און זיך דערווייל מתבודד געווען ביחידות ווארטנדיק מיט גרויסבענקעניש איינער אויפן צווייטן.

אז זושע האט גענומען זינגען דאס ליד „וואלד, א וואלד", האט ער עס געזונגען עד כלות הנפש און די פייגל האבן עס גענומען מיטזינגען. לייב שרה'ס האט עס אים אויסגעלערנט איינמאל דא ווען ער האט געאיילט אין זיין קפיצת-הדרך שליחות צום קייזער יאזעף קיין ווין.

ווען זיי האבן זיך געהויבן אין פייערדיקן התלהבות טאנץ, האבן זיי געשפירט ווי וועלדער הויבן זיך פון וועלדער און טאנצן מיט זיי. דא אז מען פארטיפט זיך, גייט מען אלץ טיפער און טיפער.

דער אויפזעער אינם וואלד, דער „וואלד-מייסטער" איבער אלע לעשנעס, איז געווען דער הערר בערנארד. אים האט מען ווייניק געזען. ער איז גאנצע טעג געריטן אויף זיין פערד איבער די שמאלע סטעזשקעס. די פרוי האט פאר די פרעמדע, מאדנע יידן געקאכט גרויסע טעפ קארטאפליעס מיט בוריקעס און ארויסגעשטעלט אין שאפע, ווו זיי האבן זיך מתעסק געווען און געטון וואס זיי האבן געטון.

זיי האבן געהאט א זון, דאוויד, וועלכער האט שטודירט אויף דאקטאר אין ברעסלוי, און ווען ער איז אהיימגעקומען אויף זיינע וואקאציעס, און דווקא איז עס אויסגעפאלן אין די זומער-וואכן ווען זיי, די חבריה, האבן זיך דא געזאמלט צוזאם אויפצוגיין קיין בארדיטשעוו, שפעטער קיין קאזשעניץ, האט ער ליב געהאט ארויסצוגיין צו די מאדנע, פרעמדע יידן אין דער שאפע אריין און מיט זיי צו שמועסן. זיי האבן ליב געהאט צו הערן ווי ער דערציילט פון וויסנשאפטן, געשמייכלט און געקוקט ווי די קינדער אויף די אַנאַטאָמישע צייכענונגען פון זיינע טעקסט-ביכער און אויף אלץ געהאט א גרייטן פסוק, א מאמר חז"ל, אויף אים געקוקט ווי אויף א פאַבלאָנזשעט קינד.

אין שפעטערע יארן, ווען דער דאוויד איז שוין געווען ד"ר בערנארד אין דער גובערניע, אין פיעטריקאוו און מ'האט אים שנעל גערופן קיין ראדאמסק צום יונגן רב דעם עילוי, וואס איז געווען א חולה-מסוכן, האט ער דערקענט איינעם פון יענע יידן, וואס האבן זיך געפארעט ביי זיין פאטער אין דער

שאפע, ווי ער זיצט ביים בעט פונם יונגן רב שטארק פארזארגט — דאס איז געווען ר׳ דודל לעלעווער.

געכאפט א שנעלן בליק אויפן חולה און געזען, אז ס׳איז נישט די מער און לאַנג געקוקט אויף דעם באזארגטן ייד, וואס איז געזעסן איינגאנצן צעבראכן, זיין לעבן אוועקצוגעבן דעם חולה אפצוראטעווען, האט אים א גרויס רחמנות ארומגענומען און נאך מער א ליבשאפט, וואס יענער איז זיך אזוי מצער איבער דער קרענק פון זיין יונגן פריינט, האט ד״ר בערנארד פריילעך און היימיש, ווי אן אלטער באקאנטער, צו ר׳ דודלען אויסגעשריגן: „איר דערקענט מיך נישט, דעמאלט אין טאטנס וואלד, דאוויד דער סטודענט? זארגט נישט, נעמט אים און פארט מיט אים אין טאטנס וואלד אריין און אלץ וועט זיין גוט“.

ר׳ דודל האט אויפגעהויבן די אויגן צום דאקטאר, אבער אויסגעזען האבן זיי ווי זיי וואלטן געווען גאנץ אנדערש־ווו און געשעפטשעט צו זיך: „יא, אין טאטן־ פאטערס וואלד, אין טאטן־פאטערס וואלד“.

ד״ר בערנארד, דער בארימטער דאָקטאָר פון דער גובערניע־שטאט פיעט־ ריקאוו, האט שוין היינט מער געוווסט פון די יידן. ער איז שנעל צוריק ארויס און באלד צוריק אריינגעקומען. זיין קוטשער האט געטראגן א גרויסן בערן־ פעלץ מיט א פאר טיפע קאלאשן. ער האט דעם יונגען חולה גוט איינגעפעקלט און ארויסגעפירט צו דער קאליעס, און אלע דריי זיינען געפארן אין „טאטן־ פאטערס וואלד“ אריין . . .

דעמאלט אויפן וועג, אויף דער צוועלף שעהדיקער נסיעה פון ראדאמסק צום סאסנאווער וואלד ביי בענדין איז דאס געווארן פונם גובערניע־דאקטאר, ד״ר בערנארד, דער ר׳ דוד דאקטאר פון פיעטריקאוו; איינער פון דער היילי־ קער חבריה טאקע. פון די ערשטע טיש־זיצערס ביים תפארת שלמה.

פון וואלד, שוין געזונט ווערנדיק, זיך גרייטנדיק אהיימצופארן, האט דער יונגער רב פון ראדאמסק, דער עילוי, געמאכט א באזוך ביים מרא דארתא פון בענדין ר׳ בעריש הערציקער: „בענדינער רב, איר האט דא אזא הייליקע זאך אין שכנות, אזא מין וואלד, ממש א יערות־דבש“, שמייכלט ער: „נישט נאר א רפואה פארן גוף, נאר פאר דער נשמה. „דער מרא דאתרא האט איבער־ געלייגט צוריק געשמייכלט איבער דער התלהבות, „אפנים אויך זיי, די חבריה, צעוואקסן זיך דא אין אונזערע מקומות“ . . .

קלמן בדחן, פון די אנשי שלומינו, איינער פון די ערשטע, פון דער „חסידים־שטוב“, האט נאך דא מחבר געווען אן אייגענעם „הלכתי ביער“, טאקע איבער דעם דאָזיקן סאסנאווער וואלד.

דאס איז געווען דעמאלט, אמאל, היינט שטייט א גרויסע רוישיקע שטאט מיט ריזיקע קאמעניצעס, ארומגערינגלט מיט הוטעס, מיט קאפאלניעס, מיט אייזן־גיסערייען, וואס ציען זיך פון איין זייט ביז טשעלאדזש, פון דער צווייטער זייט ביז דאמבעראווע און נאך העט ווייטער און ווייטער. און אז ס׳קומט דער ליבער זומער ווערט מען דערשטיקט פון ענגקייט, פון דושנעקייט, פון רויך



און פון שטויב. לויפט מען אין די זאמקעוויצער וועלדער אריין, אין די סלאווקעווער און עלקישער; די שטיקער יתר־הפליטה פון יענעם גרויסן וואלד, וואס האט זיך געצויגן איבער אלע גרענעצן. פארשטייט זיך, אז ווער לויפט? נגידים לויפן.

די סאסנאווצער שוחטים, ר׳ מאטל און ר׳ אלטער שוחט, האבן שוין זייער פויער אין עלקישער וואלד. זיי דינגען ביי אים די כאטע און וווינען דארטן מיט זייערע משפחות אין די פאר הייסע חדשים פון זומער. פארשטייט זיך, אז יעדעס יאר איז דא אן אנדערער תירוץ פארוואס מען פארט: דא איז א חולה, א זון שוואכלעך אויף דער ברוסט, א טאכטער מיט א שווער טראגן. מען מוז האבן עפעס פארוואס ס׳איז זער נייטיק צו פארן, און אליין פארט מען אויך מיט . . . מ׳קאן דאך א שוואכן מענטשן אליין נישט אוועקלאזן . . . אזוי פארן שוין די שוחטים־משפחות, ר׳ מאטלס און ר׳ אלטערס, אינם חזקה־הויז אריין ביים פויער אין עלקישער וואלד. מ׳געפינט שוין אלע יאר עפעס אויס . . .

דאס מאל איז עס נישט געווען מריםביילע, וואס איז אויף דער צייט. זי איז שוין טשעלעדזשער רביצין און ווייט פון אויג ווייט פון הארץ. דאס מאל איז עס געווען די יונגערע טאכטער, שרה לאה — און דווקא ווייל זי איז נאך נישט אויף דער צייט! . . . צוויי יאר ווי זי האט חתונה געהאט און גאר־ נישט? דערצו איז דאבעלע די שוחטקע נישט געווינט . . . עפעס איז די מער . . .

מרים ביילע צוויי יאר נאך דער חתונה האט שוין געהאט צוויי קינדער. און זי אליין, דאבעלע, איז שוין געגאנגען מיטן דריטן. לאכט זי צו זיך אליין . . . עפעס איז דא נישט גלאטיק מיט שרה לאהן. זי ווערט שענער פון טאג צו טאג, שלאנקער, ווי א סאָסנע בוים. אבער אז מ׳קוקט איר גוט אין פנים אריין, איז עפעס אויסגעלאשן, חלילה. נישטא מער די סאסנעדיקע זאפטיקייט . . . א טוליענדיקע שלאנקייט, מיט באהאלטענע ארעמס אין בוזעם, ווי געבראכענע צווייגן . . . און דער שיינער קאפ, ווי ער זאל זיך שווער נייגן אין זייט. איז עס א פארליבטקייט, איז עס א טרויער, א בענקעניש, צי א נאגעניש? דער שוואר־ צער גלאנץ פון די האר, פון די אויגן, איז עפעס באדעקט ווי מיט אן אויס־ געדינטן, איידעלען זילבער.

דאבעלע קוקט איר אין די אויגן אריין און קריגט פון איר נישט קיין תשובה. אזא איידעלער, טונקעלער שמייכל קוקט אויף איר, וואס זי איז גאר־ נישט געוווינט דערצו, און זי מוז שמייכלען און אויך שווייגן. זינט זי איז צוריקגעקומען פון זשארעק איז זי עפעס גינגאנצן אנדערש געווארן, נישט די גרויס־שטאָטישע סאסנאווצער פאניענקע מער, ווי דאס גאנצע אָרעמע שטעטל וואלט שווער־פאַרזאָרגט פון אירע אויגן ארויסגעקוקט, אויף איר זיך ארויפגעלייגט . . . און די מאַמעס האַרץ קאָן זיך קיין עצה נישט געבן!

* * *

דאבעלע איז טאקע קלוג און פראקטיש און איז גוט בארעכנט, און אלץ איז ביי איר ארויסגעקומען ווי ס׳דארף צו זיין. און וואס עלטער זי ווערט, וואקסט אין איר די חכמתטע. אבער דאס לעבן טיילמאל קאן פארפירן דעם

גרעסטן חכם: אָ, האָט מען זי געפירט אין באָד אַריין —
די טירן האט מען איינגעבראכן מיט שדוכים פאר שרה לאהן, די גערא־
טענע שיינע טאכטער פון ר׳ מאטל שוחט דעם נגיד און ראש השוחטים פון
סאסנאווצע, א כרך ס׳וועט לאדזש איבערוואקסן! לאנד־שדכנים פון ווארשע
זיינען געקומען, אין געהאקטע יאקלען מיט זיידענע היטעלעך און אנגעשלאגן
מיט אזא אדעלקייט. גאנצע מגילות אין לשון קודש מיט געטאקטע אותיות,
אז מאטל שוחט האט זיך געצאצקעט מיט זיי זענען אנגעקומען פון קראקע:
כך וכך נדוניא, וקעסט וגילדענע דיוויסקע, וזייגער מזהב טהור, א זילבערנע
עטרה ושטריימל מי״ג זנבות. און מכח די חתנים, איז וואס אייער הארץ גלוסט:
פון די ארנשטיינס, פון די בארנשטיינס, אן איניקל, א בעל־הוראה, א דאק־
טאר . . . ,נאך ווינטשן און בעליבן״.

און דא אינמיטן א דינסטאג פאלט אריין משה פעפער מיט זיין יידינע
און די שטוב ווערט פול מיט רעש. משה פעפער איז דווקא שטיל, אט שלאפט
ער איין, מ׳וועט אים בעטן זיצן וועט ער איינשלאפן און זיך צעשנארכן. אבער
זי די אשת חיל, מיט איר קלינגענדיקן מענה־לשון וועט עס נישט דערלאזן, און
אז יא איז אויך נישט קיין מאלער . . . מ׳ווייסט שוין משה פעפער זיצט אויב־
נאן ביים רבינס טיש און שלאפט איין; שליסטאפ די גרעסטע געשעפטן דזשי־
מיענדיק . . . משה פעפער איז א פירמע נישט נאר אין זשארעק, ווו ס׳גאנצע
שטעטל ליגט ביי זיי פארמשכנט איינגערעכנט מיט אלע נדנען, נאר אין מיש־
קעוו, אין זשאוויערטשע קלינגט זיין נאמען . . . אויף דעם איז זי דאך דא,
פייטשע משה פעפערס . . . „איר זעט, אט שלאפט ער שוין, אבער וואס מיר
זיינען זיך היינט אנגעלאפן און וואס מיר האבן אלץ איינגעקויפט: שערפן
און זאוויאסעס און נעגל און קייטן, אלץ וואס אייזנווארג מוז מען דאך אנקומען
קיין סאסנאווצע, ווי מיט טוך און זיידנצייג און ציץ קיין לאדזש״. זי זעט, אז
איר מאַן שלאָפט שוין: „ס׳איז גוט וואס ער איז איינגעשלאפן, קאן איך רעדן
אביסל שטילער. תמיד איז אזוי. ער שלאפט איין, איך שליס שטיל אפ דאס
מסחר. ער כאפט זיך אויף און שרייבט אונטער; ער איז די פירמע משה־
פעפער״!

זי, די אשת חיל, די גרויסע סוחרטע, וואס קאן די קלוגע דאבעלע אדורכ־
ציען דורך א לאך פון א נאדל, בייגט זיך מיט איר גאנצן ראזמאך אריבער צו
איר מיט דער נאנטקייט און היימישקייט פון אַ מחותנתטע שוין: „וואס זיינען מיר
נשים, די פיסנבענקעלעך ביי אונזערע מענער אין גן־עדן. איז אט וועגן דעם
בין איך טאקע צו אייך אריינגעפאלן . . . ביי אונז איז אלץ רעיעל און אין
באר, אן וועקסלען און אן מעקלערס . . . האבן מיר אן איינציק קינד, אן אויג
אין קאפ און אלץ וואס מיר האבן און הארעווען איז פאר אים . . . און ער אליין
איז לויטער גאלד, די גוטסקייט אליין, צו גאט און צו לייט . . . נישט אז איך
רים מיין סחורה, דאס רעדט די מאמע פון מיר״. טרערן האבן זיך דער זשארע־
קער נגידית געשטעלט אין די אויגן. דאבעלע די שוחטקע האט זיך דערשראקן,
אויפגעשטעלט פון בענקל אז ס׳איז אזש מיט א קנאַל אַנידערגעפאַלן, און משה



פעפער האט זיך אויפגעכאפט מיט א פאר אויסגעשלאפענע גן־עדנדיקע אויגן:
„נו, פייטשע, קאן מען שוין אונטערשרייבן?״ . . .

דאבעלע וואלט זיכער געוועזן געמאכט א געוואלד, אבער דערזעענדיק
די פארשלאפענע אויגן פון משה פעפער איז זי צו זיך געקומען: „וואס כ׳האב
יענע נאכט געחלומט, וואס כ׳האב היינטיקע נאכט געחלומט״ . . .

די שטארקע, גרויסע יידינע, די זשארעקער נגידית, וואס ס׳גאנצע שטעטל
ליגט ביי איר פארמשכונט אין די אייזערנע קאסעס, האט אנגעכאפט דאבעלען
ביי די פוכלע הענטלעך: „מוז מען טאקע ערשט שיקן די מעקלערס, די שדכנים
און די ציגיינערס און זיך פאטשן אין די הענט ווי ביים אפקויפן א קאבילע?

דער סוף איז געווען, אז היי־יאר, דריי יאר נאך דער חתונה, איז שרה
לאה די סבה פון פארן אויף דאטשע! זאל דאס יונגע פאר אוועקפארן און אין
א חודש ארום וועלן די שוחטים־משפחות נאכקומען.

מ׳האט גארנישט צו שלמה יודע׳ן, איינגעבאקן ביי דער גאנצער משפחה.
אן איידעלער יונגערמאן, צו גאט און צו לייט. און שרה לאה און ער קוקן זיך
נאר אין די אויגן, אבער עפעס א פארשעמטקייט ליגט אין זייערע בליקן . . .
דאבעלע האט עס די ערשטע דערשנאפט: א פאלשן אגער האבן איר די ציגיי־
נער אריינגעשטעלט אין שטאל אריין . . . זאלן זיי קודם אוועקפארן. זי האט
מורא, אז „טא ניע פאמאזשע״. און ווי איינגעבאקן ער זאל נישט זיין אין איר
הארץ, איז איר קינד איר אלץ בילעכער . . .

* * *

ווען מרים ביילע, די טשעלעדשער רביצין, איז בשלום אנגעקומען אויפן
פויערישן דראבינע־וועגעלע מיט די פולקאשקעס אינם עלקושער וואלד אריין,
אן ארומגעפאקטע מיט בעטגעוואנדלעך, מיט קייבערלעך און מיט די פיר קינ־
דערלעך, וואס האבן אין דעם געוואקל פונם וועגעלע בערגל ארויף און בערגל
אראפ אויף דעם אויסגעטרוקנטן שליאך, געוואיעוועט דעם גאנצן וועג און
געשוויצט ווי די ביבערס אין דער גליענדיקער זון, האט זי טיף אויפגעאטעמט;
ארומגענומען פון דעם בשמימדיק־געדעמפטן זשיוויצע ריח און פון די גרינ־
לעך־בלויע שטיל לויפנדיקע שטיקער שאטנס, זיינען נישט נאר די קינדערלעך
איינס נאכן אנדערן פאמעלעך איינגעשלאפן, נאר דאס פינפטע, דאס נאגן אונ־
טער הארץ איז אויך אזוי נחתדיק שטיל געווארן.

די פערדלעך, שוים־פארשווייסטע, דערשוויצטע, לויפן פריילעכע צעהיר־
זשעטע. זיי שפירן שוין מסתם די שטאל. דאס פויערל גאפיעט איבער זיי א
פארשלאפענער, און זי, מרים ביילע, שלאפט אויך אין אזא מין זיסן שלאף,
וואס צעגייט זיך מיט א טשוויטשער־געזאנג אין אירע מידע ביינער: דאס
פענסטער שטייט אויפגעפראלט אין זון און פאכעט אזוי שטיל איבער איר מיט
די גארדינען. שלמהס קאפ הייבט זיך ווי פון א שווערן כאמעט ארויס און
שאקלט זיך אריין און ארויס מיט א שטיק שאטן, און דער הייזערדיקער ניגון
זינגט אזוי זיס און אזוי נחתדיק, ציענדיק אונטער איר הארץ.

ווען זי האט זיך אויפגעכאפט, האט זי די כאטע נאך נישט געזעען. אבער

ווי פאר פיר־פינף יאר דערהערט דעם באקאנטן גמרא־ניגון און זיך געפילט אין דער היים. זי האט זיך נאך א מאל צוגעהערט צום ניגון: ניין, ס'איז נישט שלמהס הייזעריקער, הארטער ניגון; אזא זיסלעך,־טרויעריקער און דער שמייכל, וואס האט זיך גענומען אויסגעגיסן אויף איר פנים, האט זיך אויסגעלאשן און עפעס א רחמנות האט זי ארומגענומען צו איר שוועסטער, אז זי האט זיך שיער נישט צעוויינט.

ווען זיי זיינען פארפארן אויפן גרויסן פאדווארזש, זיינען אלע ארויס פון דער כאטע. יעקב יוסף אראפגראבלענדיק זיך פון וואגן איז אריין אין א סטאדע קליינע, געלע גענזעלעך. זיי זיינען זיך צעלאפן, און ער האט זיך גענומען יאגן נאך זיי. יונהן האט שלמה יודע אראפגענומען: זעסט, דער וויטעק, ער יאגט זיך שוין נאך די גענז!” און שרהלען, וואס האט אינגאנצן אויסגעזעען ווי שרה לאה מיט די גרויסע, בלוי־באַלאָפן שווארצע אויגן אינם אליוון־לענגלעכן, גרוי־ברוינלעכן פנימל, האט שרה לאה אריינגעכאפט אין אירע ווארעם־באפרייטע, שלאנקע ארעמס, אוועקגעכאפטע פון איר כסדר טוליענדיקן בוזעם און נישט אויפגעהערט זי צו קושן. מיט איר פערטן אין ארעם איז מרים ביילע געבליבן שטיין א טרויעריקע ביים וועגעלע.

דאבעלע די שוחטקע, דערזעענדיק איר טאכטער די רביצין, ווי זי זעט אויס, אן אויסגעצערטע, אן אפגעמענטשעטע פון דעם אומגליק אין די קוילן־גרובנס, פון די היצן, פון די קינדער און דערצו דער זיבן־אכט שעהדיקער אקסוועג אין היסן זומער־טאג, איז שיער נישט געפאלן אין חלשות. זי האט געציטערט מיט אלע אירע גוידערלעך, וואקלדיק ווי א פעט גענזל האט זי זיך שנעל א זעץ־אוועק געגעבן אויף א בענקל מיט א געשריי: „אויף אלע מיינע שונאים'ס לייב און לעבן, וואס האבן זיי געמאכט דארטן פון מיין קינד”!

דאבעלע איז אבער קלוג. זי האט זיך נישט פארלוירן, זי האט זיך אפגעווישט די פוכלע, גלאנציקע ליפלעך און גענומען נאכקוקן איר טאכטער. און איידער ס'איז אדורך א וואך האט שוין די טאכטער צוריקגעהאט איר אמאליק פול פנים, די פארב אין די באקן און די מוטער האט שוין געוווסט פון איר אלע זאכן, משפחהדיקע, קהלהדיקע. און שטיל אויף א נאכמיטאג־שפאציר אין וואלד האט זי געזאגט צו איר טאכטער מאמעדיק, אבער מיטן פעסטן ווארט: „מרים ביילע, דו פארסט נישט מער צוריק קיין טשעלאדזש. ווען מיר וועלן אהיימפארן, פארסטו צוזאם מיט אונז מיט אהיים”. די רביצין, א מאמע שוין באלד פון פינף קינדער, האט געוואלט אפענען א מויל: „מיין מאן, שלמה — —”

„קודם ביסטו מיין קינד, און דערנאך קומען די אנדערע זאכן;” האט איר דאבעלע די שוחטקע געגעבן א שניט איבער די רייד ווי מיט א בלאנקן חלף, ווי אמאל אלס קינד ווען זי האט מיט דער מוטער געוואלט איינטענהן און זי אנגעקוקט מיט א פאר גוטע, מאמעדיקע אויגן. איר מאַטל קוקט מיט אַזעלכע בשעת ער מאַכט אַ ברכה איבער אַ יינג טייבל, פאַר אַ חולה, מסתם . . .

דאס יונגע ווייבל האט זיך אבער נישט געוואלט לאזן: זי איז א רביצין, זי איז אליין שוין א מאמע פון פיר קינדער און גייט שוין מיטן פינפטן. האט זיך



דאבעלע, ווי קליין זי איז, אן אויפגעבלאזענע, מיט איר גאנצער פוכלעקייט א שטעל־אוועק געגעבן אין מיטן וואלד: „איך שווער ביי מיין לעבן, אז דו פארסט נישט מער צוריק! איך האב מורא פאר דער מחותנתטע, דיין שוויגער”...

די שבועה, און נאך מער דאס וויטערדיקע „איך האב מורא פאר דער מחותנתטע” האבן דאס יונגע ווייבל אינגאנצן פריטשמעליעט, איר אפגענומען יעדעס ווארט פון מויל און זי איז, ווי אמאל, ווען זי האט זיך צעבעטשעט ווי א קינד, ארויפגעפאלן מיט א געוויין אויף דער מוטער: „מאמע —” און ווי א שטילע טויב מיט אַ פאַרלייגט קעפל געבליבן ליגן אויף דער מוטערס אַקסל.

דער וואלד אין דעם נאכמיטאג איז געווען אזוי מחיהדיק, אזוי שיין, דער עול פון די פלייצעס, די שווערקייט פון הארץ איז ווי מיט איין וויש אפגעווישט געווארן. צוקומענדיק צום ליכטיקן, גראזיקן פלאץ, ווו פון דער טיפעניש פון אונטער א שטיין האט א זילבער־גאלדן קוועלעכל אין דער זון געשורגעט, האבן זיי זיך אנידערגעזעצט ביים „סטאק” און ביידע אויף איין מאל אויפגעלאכט: די מאמע האט גענומען א טאשן־טיכל, איינגעטונקט עס און ארומגעווישט דער טאכטערס פנים, מ'זאל נישט זען, אז דאס קינד האט געוויינט . . .

אויף שבת, ווען די שוחטים זענען געקומען, האט מאטל א בלייך־דערשראקענער געקוקט דאבעלען אין מויל אריין, ציילנדיק יעדעס ווארט. אברהם יצחק האט זיך געפריידט מיט דער שוועסטער און מיט די קינדער, געוויזן אויף די אלטע און געלאכט. ס'איז אבער לגמרי נישט געווען קיין געלעכטער. א גאנצן שבת ביים עסן, ביים שפאצירן, האט מען רק גערעדט וועגן שלמהס דרכים און מאטל שוחט האט געשאקלט מיטן קאפ.

מאטל איז נישט געווען דער גרויסער למדן, דער בעל־מוח, אבער א ווידעסלאווער בית מדרש־בחור, א טשאכאטשעווער חסיד און געוווסט וואס עס מיינט תורה, וואס עס מיינט א בעל־מדרגה, נאר עס צו דערקלערן זיין פראקטישער דאבעלען איז ער נישט ביכולת און זי וועט עס נישט באנעמען...

אברהם יצחק, געראטן אינגאנצן אין זיין מאמען, אין דאבעלען, האט גענומען דעם גאנצן ענין פון דער פראקטישער זייט: „פון דעם קארן וועט קיין ברויט נישט ווערן! פון טשעלאדזשער רבנות וועט קיין פרנסה נישט זיין . . . מרים ביילע, מיין נישט, אז נאר דו אליין ווייסט ווער דיין מאן איז... און מיר האבן אים אזוי ליב פונקט ווי דו. אבער ער איז א גרויסער בטלן און מיר מוזן אים ארויסראטעווען פון די טשעלאדזשער שווארצערס און שמוגלערס . . . וואס ברויך ער דען, דיין שלמה? זיין „חיי צער” וועט ער דארטן האבן לרוב . . . ”

ער פאלט אריין אין אן אנדערער שטימונג, אין א שבתדיקער, אין א דאטשעדיקער; ער כאפט ארום זיין שוועסטער ווי ער וואלט זיך וועלן מיט איר צעטאנצן: „כ'זע, מיר וועלן באלד ווידער האבן א שמחה, קיין עין־הרע נישט, טו־טו־טו”.

אברהם יצחק, אלטער שוחטס איידעם איז געווען דער בריח התיכון פון דער סאסנאוועצער גרויסער שחיטה — „דער געשעפטס־פירער”! די צוויי שוח־

טים זיינען געווען די שיינע יידן, די חסידים . . . ווי מאטל אין טשאכאטשעווער שטיבל, ערשט אלטער מיט זיין ברייטקייט, זיין שטעל, זיין לומדות, דער ראש וראשון אין ראדאמסקער שטיבל. איידער זיי זיינען פערטיק געווארן מיט די „געשטעלטע" חלפים, מיט זייערע הכנות, האט ער אוועקגעלייגט פופציק רוסישע אקסן אויף „גלאט־כשר" פאר ראכמאנאוס פאדריאד, פאר די קאזארמעס. אברהם יצחק איז געווען דער גוטער בעל־מלאכה, נישט מורא געהאט נישט פארן אקס און נישט פארן חלף, און אויסגעקאכט מיט חברה קצבים.

„דיין־שמייען, גלייב מיר, דיין שלמה טויג צו זיין א דיין פונקט ווי שלמה יודע צו זיין א שוחט; ווי ער ציטערט פאר אן אקס, ציטערט יענער א מענטש פוגע בכבוד צו זיין". אלע צעלאכן זיך. שרה לאה בלויז רויטלט זיך, קוקט אויף איר מאן, וואס לאכט מיט מיט אלע.

„וואס לאכט איר", דרייט ער זיך אויס צום פאטער: „דאס טענה איך דאך, נאר נישט קיין צו גרויסע קונצן. דער אקס איז בטבע כשר, דער מענטש אבער בטבע טרפה . . . לאז עס מיר איבער דעם גאנצן עסק, עס וועט ווערן אלץ געשעפטלעך־דערליידיקט: שלמה מוז בלייבן ביי דער גמרא און דאס איז אלץ . . . די סאסנאווצער שחיטה מוז אים אויסהאלטן . . . דו, טאטע, באשטייסט דאך . . . מיט מיין שווער וועל איך שוין אדורכקומען . . . מאמע, דער פלאן איז אינגאנצן פערטיק. מיר וועלן אפילו נישט האבן קיין צייט אים אדורכצושמועסן. דו באשטעל נאר א פערד און וועגעלע באלד ווי מען וועט נאר מעגן, און איך מיטן טאטן מיטן שווער פארן מיר אין סלאווקעווער וואלד אריין אויף מלוה מלכה צו ר' לייב ענגלאנד. ער איז דארט איצט אין זיין זיידנס ווילע אויף נאכקור. ער איז יענע וואך צוריקגעקומען פון פראנצעסבאד, ווו ער האט געפראוועט באיאנער חסידות" . . .

און בשעת שרה לאה איז געגאנגען מיט שרהלען צום סטאק ברענגען א פרישן שבתדיקן טרונק און שלמה יודע האט געלערנט מיט א שלאפנדיק ניגון פרק מיט יעקב יוסף'ן און יונה אליין זיך צו יאגן נאך די געלע גענזעלעך איז ער נאך צו קליין און האט מורא פארן הונט, איז ער אויך געשטאנען ביי זיי, קוים דערגרייכנדיק מיטן קאפ צום טיש, זיך מיטשאקלענדיק מיט זיי, אויפכאפנדיק דא און דארט א ווארט, פרום־מיטברומענדיק דעם שלאפנדיקן ניגון, זיינען זיי, די אלטע, געזעסן דאטשעדיק־און שבת צעלייגט אויף לען־בענקלעך אין דער זון. ער אין צעקנעפלטן שבתדיקן שלאף־ראק און זי מיט דער אפענער צאינה־וראינה אויף דער מנוחהדיקער שויס און אברהם יצחק שטייט פאר זיי א צעשטראלטער גענעראל און אנטוויקלט פאר זיי זיין מאנעוורע־פלאן . . . דאבעלעס אויגן, גליען, זיי פלאקערן אויף מיט יעדן ווארט און מאטלס פנים שמייכלט שבתדיק און טאטעדיק נחתדיק.

א פאר שריט ווייטער, אין שאטן פון א פאר זון־צעציטערטע זשיוויעצע־טריפנדיקע סאסנע ביימער, איז געזעסן מריםביילע אויף אן אויסגעשפרייט וואלן טוך, זיך שפילנדיק מיטן קינד, זיך האלב יא צוהערנדיק און האלב



נישט צוהערנדיק צו דעם, וואס אברהם יצחק וויקלט און וויקלט ווי ווארפנדיק א בלומען־געמוסטערטן זיידן־באלעס אפצושניידן א פאר מעטער אויף א שלאף־כאלאט פאר שלמהן: אלטער שוחט איז א ראדאמסקער חסיד, און ס'שטיבל קאן זיך גארנישט מוחל זיין וואס זיי האבן אים באלד אוועקגעלאזט, דאס ווינקל, ווו ער איז געשטאנען איז אויסגעלאשן . . . און זינט די מעשה מיט זשעזשאקן, דעם אויפגייענדיקן נייעם סאסנאווצער עילוי, וואס האט צוגעגנבעט ביי דער ארעמער מוטער ס'קניפל און אנטלאפן קיין ארץ ישראל, האלט ר' לייב ענגלארד אין איין טענהנען, אז א שטאט ווי סאסנאווצע מוז האבן א בית־מדרש, מוז האבן א רב וואס זאגט א שיעור פאר בחורים, נישט יוצא זיין מיט מו"צן וואס פסקענען טעפל־לעפל שאלות — אלץ נאר פאר דער אכילה. מיטן אלטן מורה הוראה וועט מען אדורכקומען, ער וועט מסכים זיין. אז ס'וועלן זיין דריי מורה הוראהס וועט ער קענען זיין דער ראש בית־דין, און ר' איציקל וועט ציטערן פארן געהאלט, וואס ער קריגט פון דער שחיטה.

און אויב ס'וועט אזוי לייכט נישט גיין, ווינט ר' לייב ענגלאנד איבערן פזשעיאזד, אין אלט סאסנאווצע — ס'איז א מדינה בפני עצמה. אין ר' לייבס הייזער און לײדיקע אפיצינעס אין אלט סאסנאווצע איז דא גענוג פלאץ פאר א בית־מדרש, פאר א ישיבה. אלט סאסנאווצע וואקסט, ווערט רייך, און בחורים וועלן האבן גוטע טעג, און וואס נאך ברויכט ער, שלמה . . . און נאך דעם אומגליק וואס ר' לייב ענגלאנד האט געהאט מיט דעם רבישן אייניקל וואס מ'האט אים ארײנגענארט, דעם ליכטיקן תכשיט און וואס מ'האט אים קוים אפגעגט . . . ר' לייב האט זיך אמאל אויסגערעדט פאר זיין שווער: דאס אומגליק אין זיין הויז איז זיכער געווען אן עונש . . . דא וואקסט א כלי, אן עילוי אין אן ארעמער שטוב, ביי א קורע לאפניצע אין הויז און קיינער פון אונז קוקט זיך נישט אום דערויף, ביז „זיי" האבן עס דערזעען און אויפגעכאפט . . . און נישט ציונים, מזרחים, חדרים מתקנים נאר שוין גאר אנדערע קרייזלעך . . . לאַנגע האָר מיט פאַלערינעס, ביכער אונטער די פאַכוועס . . . פון יענע טריפהנע דינע ביכעלעך געוואָרן גרויסע, דיקע ביכער, תורת־לאָקשן! פראַווען בעלער, בחורים און בתולות . . . איין זון פון דעם מירקינען איז שוין גאר א כלי מפואר—

דאס אלץ געהער נאך צום פלאן, אבער דאבעלע איז שוין מיט דעם נישט אינטערעסירט. מאטל אבער ווערט דווקא פארכאפט פון די מעשיות.

דאבעלע איז אריינגעגאנגען ארויסברענגען שבת־אויבס, און מרים ביילע קוקט פארטראכט אויף איר ברודער דעם באליבטסטן פון דער גאנצער משפחה; די מאמע איז גערעכט, זי טאר נישט צו לאנג ווארטן . . . לאזן אין א לאנגער באנק . . . ווי ער איז דאס אריינגעטון מיט אלע זיינע חושים „צאלע מיאסטא נא מאיאן גלאווען" . . . דער גאנצער עול פוןביידע משפחות ליגט אלץ אויף זיין קאפ, אלעמען פארזארגט ער . . . און ער וועט בלייבן אן קינד, אן רינד . . . דער טאטע פון אלעמען איז ער . . . א וווּנדער, אז אלטער שוחט האט אים אזוי ליב? אן אנדערער נאך צען יאר וואלט אים די טאכטער געלאזט

זיצן אן אפגעגטע . . .

פון דער טיר פון דער כאטע קומט ארויס דאבעלע מיט שלמה יודטן, א פויל־אויסגעשלאָפענער נאכן פרק־לערנען. די צוויי יינגלעך טראגן די טעלערס מיט פרישע, זאפטיקע בארנעס, קיילעכדיקע, רויטע עפל און פלוימען, וואס דער טוי ליגט נאך אויף זיי. פון וואלד ארויס קומט שרה לאה א טרויעריק־פארטראכטע און שרהלע טראגט א קרישטאלענע קאראפקע מיט קרישטאל־קלארן, פינקלענדיקן וואסער. מרים ביילע כאפט זיך אויף, לאזט ס׳קינד אויף דער וואלענער דעקע און לויפט אקייגן איר שוועסטער: „יעקב יוסף, טראג דאך צו די קאראפקע צום זיידן״ זי כאפט זי ארום און דרייט זיך מיט איר אויף א סטעזשקע אין וואלד אריין.

אין אירע טרויעריקע מחשבות איז שרה לאה נישט געווען אין וואלד, נאר פארטראגן קיין זשראַרעק אין משה פעפערס קראם, גרויס ווי א וואלד. פון פארנט זיינען די ליכטיקע טאשעוואניעס, די פאליצעס מיט שניט און גאלאנטעריע און אין דער טיפעניש אריין ציט זיך א פינסטערע געדיכטעניש — דער סקלאד מיט אייזנווארג, נישט מער ארויסצוקומען, ווי פון יענער רויבערהייל אין וואלד אונטער א שטיין: „שטיין שטיין עפן דיך״! אבער דער ליגט שווער אויף איר האַרץ . . .

זינט זי איז געווען די פאר וואכן ביי דער שוויגער אין זשאַרעק ווייסט זי, אז זי וועט זיך פון איר לעבן נישט מער ארויסדרייען . . . דיקע קייטן פענטען אירע פיס, דראטן וויקלען זיך אויף אירע הענט, פון טאג צו טאג שפירט זי ווי זי ווערט אלץ מער פארשטיינערט . . .

ארומגעכאפט פון איר שוועסטער מיט אזא ווארעמקייט, האט זי זיך געטוליעט צו איר פארמאכט די אויגן, צוגעביסן די ליפן נישט הויך אויפצוווייִנען.

מרים ביילע האט עס דערפילט, האט זי אויסגעשאסן מיט א געוויין און, כדי די שוועסטער זאל נישט דערשפירן איר מיטגעפיל, האט זי זיך אנגעכאפט ביים הארץ, אז ס׳זאל כלומרשט הייסן: דאס זיינען אלץ די שטימונג־אויסברוכן אין די שפעטע חדשים . . . און אפשר איז עס גאר דער וואלד, וואס מאכט אזוי „סמוטנע־פארבענקט? קום מיט מיר צוריק צום סטאק״, האט זי זיך צעלאכט, „וועל איך מיר ס׳פנים ארומוואשן מ׳זאל נישט זעען, אז כ׳האב שוין ווידער געוויינט״.

די צוויי שוועסטערן האבן לאנג שפאצירט און זיך געהאלטן די הענט, ווי קינדערווייז, אין א לאנגן, הייסן שבת־נאכמיטאג, ווען די עלטערן האבן מיט זיי געמאכט א שפאציר דורכן סאסנע וואלד, פון סאסנאוויצע אריין קיין בענדין צום זיידן הערש לייב לעכטציער אויף שבת־אויבס.

זיי האבן זיך געהאט אסך צו דערציילן, זיי האבן געווארט אויף דעם שפאציר, אבער זיי האבן כמעט געשוויגן, דא און דארטן אריינגעווארפן א ווארט און זיך צוגעהערט צום קוויטש פון א וועווריקל, צום גערויש פון די ביימער, צום פייגל־געטשוויטש און ס׳האט זיי ביידן אזוי גוט געטון.



* * *

שוין וואכן ווי שלמה לאזט זיך ווילגיין; קיין שום עול נישט. קיין ווייב, קיין קינד, קיינער שטייט איבער אים נישט מיט א גלאז מילך. מ׳שלעפט אים נישט אוועק פון דער גמרא צום עסן. ער שפירט די גאנצע הנאה, יא, די תאווה פון „נפשי חשקי בתורה״. ער טרינקט גאנצע בעכערס, יא, פולע שעפן פון דעם פרישן קוואל „מים חיים״. אויסגעטון אינגאנצן פון זיך, שווימט ער ווי א פיש אין וואסער —

די שיעורים מיט די בחורים איז אריינגעכאפט מיט א האלבער שעה לענגער. צו זיינע אייגענע שיעורים האט ער א גאנצע פרייע נאכט און אחוץ צו קוקן אין ספרים האט ער צייט פאר שרייבן זיינע חידושים גאנצע שעהן.

יידל גיט אויף אים טאקע אכטונג, אבער ער וועט דאך נישט גיין שטערן אינמיטן . . . גיי, זיי אים מפסיק ווער ער זיצט ביים טיש מיט דער פען אין דער האנט מיט צעבליצטע אויגן אדער ווען ער שטייט ביים פענסטער מיט פארגלייזטע שוואַרץ־אַפלען אינמיטן התבודדות, בפרט איצט ווען ס׳האבן אנגעהויבן שוין אנצוקומען די ימים־נוראים טעג.

און זונטאג, נאך די ערשטע סליחות, אינמיטן א שיעור, אינמיטן א תענית־חלום . . . זינט די פרוי איז אוועק, מאכן זיך אים אפט אזעלכע תעניתים . . . ווען איך טשעפע מיך אין אים אן און וויל וויסן וואס עס מיינט א תענית־חלום, ווייל אפשר מוז איך אויך פאסטן, ווייל איך האלט אין איין חלומען, שטויסט ער מיך בייז אפ פון זיך. אבער מ׳זעט ווי ס׳פנים האלט זיך איין נישט צו שמייכלען . . . מ׳לערנט געשמאק, חברה איז צעווארעמט, מ׳לערנט די סקארבאווע שיטות „שופר של עולה״, „לולב הגזל״, עפנט זיך די טיר און עס קומט אריין אברהם יצחק און נאך אים אן אלעגאנטער, שיין אנגעטוענער יונגערמאן, אן אייגענער, אבער דאך פרעמדלעך. אלץ איז כנהוג: א בערדל — אבער שיין פארפוצט, פיאות — אבער גלאט פארקעמט, דער פאלטן—פון דער נאדל אוועק און דאס היטעלע גלאנצט אים פונם קאפ אראפ — טאקע חסידיש און נגידיש און געפוצטע שטיוועלעך.

דערזעענדיק אברהם יצחקן, האט שלמה זיך קודם כל שטארק דערפריידט, אבער גלייכצייטיק שטארק דערשראקן. ער האט ליב געהאט זיין שוואגער איבער זיין ערלעכקייט, זיין גוטסקייט, זיין זריזות און — „כמים פנים אל פנים״! אברהם יצחק פארט זיך נישט גאשטשען, ער איז תמיד פארנומען. עפעס איז דא געשעען אדער עס האנדלט זיך אין א וויכטיקן ענין.

„אברהם יצחק, וואס האסטו דיך דערשראקן? דו ווייסט דאך מכוח וואס דו ביסט געקומען . . . און זאג מיר שוין אויס ווער דער יונגערמאן איז״.

אברהם יצחק האט זיך פריילעך צעלאכט און דער יונגערמאן, קוקנדיק אויף די צוויי שוואגערס מיט גרויס הנאה, האָט געמוזט מיט שמייכלען.

„שלמה, כ׳קאן דיך נישט מער רופן טשעלאדזשער מורה־הוראה, ווייל דו ביסט שוין מרא־דאתרא פון אלט־סאסנאוויצע, און דער יונגערמאן איז הערצל, ר׳ לייב ענגלארדס אײדעם. ער איז דער שליח מיטן כתב רבנות״.

מיר אלע קוקן אויף: נאכן אומגליק מיטן „איניקל“, דעם הייליקן תכשיט, וואס דאס אפגעטן האט אפגעקאסט א מטמון מיט גאלד, האבן לאנד־שדכנים געברענגט א צאצקע, א יונגנמאן פון הינטער ראדאם און ווארשע, אן עלטערן ליטווישן ישיבה־בחור, א מושלם, וועלכער איז געפעלן דער טאכטער, די גרושה. ר׳ לייב האט געמוזט פארבייגן דעם יחוס און שטעלן א שטילע חופה.

מיר קוקן אויף דעם עלעגאנטן יונגנמאן מיטן מאדנעם נאמען, הערצל, און אין דעם פא־ווארשאווסקו עלעגאנטן יידישן הילוך, וועלכער קוקט אויף אונז ווי אויף עפעס א חברה, ווילדע חיות, ווי מיר אויף אים ווי אויף א פרעמדלענדישער חיה, א מין כוי מיט גאלדענע הערנער.

שלמה פארמאכט ערנסט די גמרא, הייסט אונז ארייגייין אין בית־המדרש און פארבעט די געסט צו זיך אין שטוב אריין. אויפן וועג, אין קארידאר, גיט ער זיך א שטארקן רייב ביים קאפל, אזוי, אז עס פליט ארויף אויפן שפיץ קאפ און זיין פנים קריגט אן אויסזעען ווי ער וואלט אלץ געהאט קלאר אויף דער האנט: אלט־סאסנאווצע וואקסט א מקום . . . חיים פישל און די פאר אנדערע ראדאמסקער יונגעלייט פון שטיבל וואס האבן זיך דארט געעפנט געוועלבער . . . און דער עיקר ר׳ לייב זעט א שעת־הכושר. שלמה האט אנגענומען דאס כתב־רבנות ר״מ ומו״ץ דק״ק אלט־סאסנאווצע, אבער מיט דריי באדינגונגען: א) אלע פרעמדע בחורים זאלן קריגן גוטע טעג און האבן געלעגערס צום שלאפן, ב) לייב הערש זאל באקומען זיין שטעל דא אין טשעלאדזש און ג) ער זאל נישט מוזן דאווענען „נעילה“ פארן עמוד. און אז דאס אלץ זאל געשעען במעמד שלשתן, דער גבאי פון בית־מדרש דא זאל זיין דערביי און אויך דערצו מסכים זיין. מיט קהל האט ער סיי ווי קיין גרויס שייכות נישט געהאט, א חוץ א שאלה אדער א דין תורה. אז אלץ איז ביי אים אויף דער מינוט אויפן זייגער — ער איז נישט קיין חזן, ער זאל מחויב צו זיין א מערוב בין הבריות — תלמוד תורה כנגד כולם!

ווען אלץ איז שוין געווען כתוב וחתום, האט שלמה ארייגערופן יידלען דעם „בית־דין שמש“, אז ער זאל גיין בעטן דעם טאטן אהערצוקומען.

ביי אברהם יצחקן גייט אלץ שנעל, אן שהיות — „שיהו איז טרפה“! און ער זאגט צו יידלען: „מאך עס גיך, אונטן ווארט די דראשקע און דער מורה־הוראה פארט נאך היינט מיט מיט הערצלען. איך בלייב דא, און איך מיט יידלען וועלן איינפאקן די ספרים. די וווינונג מיטן מעבל נעמט איבער לייב הערש צוזאם מיטן רבנות, און אויף דיר ווארט שוין א וווינונג מיט הכל בכל מכל כל ביי ר׳ לייבן אין הויז“.

„אברהם יצחק, דיינע לפי־זה׳ס זיינען גאר חריפיש, נישט נאר נאכצוזאגן, נאר להלכה למעשה. — ממש טשאכעטשעוו! דו שטעלסט זיי ווי דיינע חלפים. איך האב תמיד אמליבסטן געגעסן נאר פון דיין שחיטה . . . מריםביילע וועט עס דיר שוין זאגן“ . . . ער פארטראכט זיך א ווײלע זער ערנסט און צעלאכט זיך: „דאס הייסט סיעתא דשמיא. וועסט הערן, וועסטו דיך אויך צעלאכן: דער געדאנק, אז איך וועל יום־כפור מוזן ווידער זאגן „נעילה“ פארן עמוד האט



אין די לעצטע טעג אלע מיינע רעיונות מבלבל געווען — איך מיט מיין עגלה־ערופה קול־נגינה! דער עולם שטייט און וויינט און שרייט, רייסט דעם הימל איין און איך פאל אריין מיט מיין הייזעריקן געקריי: ,פתח לנו שער —׳ אן יעדן סימן פון א טאן, אן מינדסטן סקארבאווע קנייטש אפילו, אז איין גאט מעג זיך טאקע דערבארעמען! ס׳איז דאך ממש א שול מיט לויטער צדיקים, אז זיי ברעכן נישט אויס אין א געלעכטער, אָדער ברעכן מיר נישט די ביינער . . . צעלאַכט ער זיך.

„ווייסט וואס כ׳וועל דיר זאגן, טשעלאָדזש האט געמאכט א גוטן טויש . . . לייב הערש איז דאך א מושלם בכל המעלות, זיין קול נגינה, זיין האלטן א דרשה! אין טשאכאטשעוו פלעגט ער נאכמאכן דעם קעלעמער מגיד, האט דער רבי אליין געמוזט מיטלאכן . . . און חוץ דעם לייב הערש וואקסט דאך א גאון! כ„פריי מיך מער פאר לייב הערשן מער נאך ווי פאר מיר“ . . .

הערצל, וואס האט זיך די גאנצע צייט באנומען ווי א זייטיקער, ווי א שליח, געקוקט מיט א סקעפּטיש פנים, איז מיטארייגעצויגן געווארן; די אפנהערציקייט, די איינפאכקייט פון דעם יונגן מורה־הוראה דעם בארימטן למדן, וואס זיין שווער קאן אים גארנישט זאט אפלויבן, איז אים געפעלן . . . דער נאמען לייב הערש מילוויצער פלעגט אויך דערמאנט ווערן, אבער דער שווער פלעגט אפהאקן אינמיטן. עפעס הייבט ער שוין אן צו פארשטיין די איינגעוואקסענע מקום־יידן, זיי לאזן זיך נישט אונטערהאקן, זיי לאזן זיך נישט אויסווארצלען; אז מען געוויינט זיך צו צו זייער ריח שמעקט עס מיט סאסנאווער וואלד.

אויב שלמה האט אלץ ארום זיך געברענגט אויפן מינימום, גארנישט געברויכן, פון גארנישט זיין אפהענגיק — א מסתפק במיעוט אבי נאך א מינוט ביי דער גמרא ארייננכאפן, נאך א קאפיטל תהלים פון זיין קליין סידורל זאגן, איז לייב הערש געווען אומגעקערט, פונקט להפוך, אלץ ארום אים איז געווען משועבד צו אים! די גאנצע וועלט איז דאך נאר באשאפן געווארן פארן כבוד פון דער תורה — זה אלי ואנוהו! גאנץ מילעוויץ האט געוווסט לייב הערש לערנט, לייב הערש דאוונט. אויפן קארדאן די אביעשטשיקעס האבן געוווסט ווען ער כאפט זיין נאכמיטאג שלאף . . . אפילו דער טראמפייטער, דער גראבער קאפ, דער פאניע האט אויפגעהערט זיך צו גארגלען אויף זיין כלי — ביי די אָביעשטשיקעס האָט אפילו א מוזיקאַנט נישט געטאָרט זיין קיין ייד . . . צומאָל נישט דער שוואַלניע שניידער . . .

אין גאנץ מילעוויץ האט געוווינט, אחוץ דעם פעטער יודע פייוול, נאך א ייד, א שוסטער. איז געווען זיין עובדא, ווען ער האט דערזעען לייב הערשן גיין שפאצירן, זאל ער אים נאכגיין פון הינטן. ראשית א תלמיד־חכם טאר נישט גיין אליין און ווידער, אז ער וועט זיך פארקריכן צום אלט־סאסנאווצער סאסנע וואלד און ווערן טיף פאר דבקהט אין מחשבות, זאל ער דער שוסטער שטיין באהאלטן הינטער א בוים און ווארטן.

די אורחי פרחי פון „אונטערן בארג“ אין זייער „גאנג“ ארום די שטעטלעך

האבן שוין געוווסט, אז אויף זיי וואַרטן געלעגערס אין מילעוויץ, כדי זיי צו קענען מצרף זיין צו א מנין, וואס יודע פייוול האט געזעען עם כל אמצי־כוח, אז לייב הערש זאל יעדן טאג דאווענען בצבור.

מאיר דעם פעטער יצחקס, דעם קאזשעגלעווער רבס זון, איז געזעסן אויף „קעסט" אין מילעוויץ, כדי לייב הערש זאל האבן מיט וועם צו לערנען. שמעיה שמייסער איז געשטאנען גרייט מיט דער בריטשקע: אויב אן עמקומותדיקער אויפטו איז אים איינגעפאלן, אן אייזערנע קשיא נישט צו רירן פון ארט, א טראסקע־אריין צו געבן צו ר׳ יוסף ענגלען! איצט, ווען ר׳ יוסף ענגל איז קראָקאָווער אבביתדין, צו שלמהן, זיך צו סארפען א פאר שעה אין לערנען . . .

און אין דער קיך, פון דער מומע טייבעלע, צימעלע, ביז צו דער לעצטער דינסט, אלע האבן שוין געוווסט וועלכע מטעמים ער עסט גערן און וויאזוי געקאכט — פון פייגל־מילך!

יודע פייוול איז תמיד געווען בשמחה, בקוראזש. ער האט געוווסט, אז זיין הארעווען האט א תכלית; אז זיין לעבן האט א ציל — א גאון כאוועט זיך אין מילעוויץ!

אייביקע קעסט, תורה און עבודה אן שום עול איז א גרויסע זאך, ווייל רבנות קאן אויך אמאל זיין א שטער צום לערנען; נישט נאר מחלוקות, נאר דאָס משועבד זיין צו קהל שוין! אבער עס קומט א צייט, אז אן דעם איז ערגער — עס פעלט די „יאזשמע", דער „טראסק", די „איצטלא דרבנן" . . .

מיט אלע קרוינען איז דער מילעוויצער עילוי, דער וואקסנדיקער גאון, געווען באשאנקען, נישט נאר דער אור תורה, די ליכטיקע שיינקייט האט אים אראפגעחנט פון באוועגלעכן פנים, פון די בליציקע אויגן; אבער אויך אלע ארום אים האבן געדינט דעם צוועק. א יונג ביימל, אן אויסגעקליבנס, געפּלאנצט אין גוטן באדן, ווינטער באשיצט פון קעלטן און פרילינג — פון ווינטן, און טאג און נאכט גייט דער גערטנער ארום אים ארום; יודע פייוול דער הארעפּאשניק האט געוווסט וויאזוי אים נישט צו פארקעכלען און פארצערטלען.

ווען מיר זענען ארויסגעקומען קיין מילעוויץ און גלייך פארפארן פאר לייב הערשס „בית־מדרשל", איז ער געזעסן אין מארע־זיידענעם, צעפראלטן כאלאט, א זומערדיק־לייכטן, א ליכטיק־צעבלימטן, די געדרייטע פיאות צעפּלאשעט, דער יונגער הויכער שטערן אין פאלדן צעקנייטשט, רויט־צעריבן און געארבעט איבער א הארבן ש"ך, אז דאס נידריקע באלטנדל פון דער אמאליקער וואלד־כאטע, וואס איז געלעגן אים ממש אויפן קאפ, האט זיך שיעור נישט אנגעצונדן; דאס פנים צעפלאמט, די גאלד־בלאנדע בארד און געלאקטע פיאות צעפלאשעט אין א פלאם — פלאַמען־צונגען: בלייבט דאָך ווי־דער די אייזערנע קשיא, נישט צערירן פון אָרט . . .

נישט נאר האבן זיינע פיאות געהאט די טבע זיך צו דרייען אין לאקיקע פלעשלעך, וואס זיין טאטע האט נאך מיטגעברענגט קיין טשעלאדזש פון קראקע, נאר ער האט נאך אויך געהאט אין זיך די אלע מיסטישע, פארבארגענע גענג פון זיין עלטער־זיידן דעם גאון און מקובל ר׳ בעריש אשפיצינער. זיי האבן



געוואַרט, די אלע ירושהדיקע און גזעדיקע נטיעות, זיי זאלן זיך אין איין טאג אנטפּלעקן, נתגלה ווערן. ער האט עס געוווסט, ער האט עס געטראָגן אין זיך, אבער ער האט זיך אויך טאג און נאכט געגרייט דערצו.

הערצל איז געבליבן דרויסן מיטן פעטער יודע פייוול און ארייגעגאנגען מיט אים אין הויז אריין אין געשעפט. איך — וואס בין מיטגעפארן, כדי שלמה זאל נישט בלייבן אליין, צו האבן דערווייל א שטיקל משמשל, ביז יידל „דער בית־דין שמש" וועט קומען מיט די ספרים, — ווי גרויס־געוואקסן איך בין נישט געווען, בין איך אלץ פאר דער גוטער מומע טייבעלע נאך אלץ געווען א קינד, און זי האט מיך נישט אפגעלאזט פון זיך, מיך געטשעטשעלט, אויסגעפרעגט און מיך גענומען קארמען מיט באצוקערטן אינגבער און געבראָטענע מאנדלען.

און ווען שלמה מיטן גבאי מיטן געשווירענעם בערדל זיינען נאנט צוגע־קומען צום טיש, האט לייב הערש זיך א כאפּ־אויף געגעבן, ווי ער וואלט דערזעען את־א־ טאקע דאס וואס ער ווארט דערויף: „שלמה!!"

שלמה איז געבליבן שטיין אין זיין פרומער שטילקייט ווי נישט מפסיק צו זיין און דער גבאי האט ארויסגענומען דאס טשעלאדזשער כתב־רבנות, אונטערגעשריבן פון אים, פון פיעראנען און חיים זלאטע הנקרא חיים שיבער, די צוויי וואס ער האט לייכט און צו דער האנט געקאנט א כאפּ געבן, די צוויי אונטערשריפטן, צי אפשר גאר זיי אפגעחורשט . . . יא, מאנעלעס פון דער זודע־פאבריק איז אויך געווען. אויפן וועג פארבייפארנדיק איז דער גבאי שנעל פון דער דראשקע אראפגעשפרונגען און מאנעלע האט דאס כתב־רבנות פאר לייב הערשן, וואס אברהם יצחק האט אויפגעשטעלט, אויך נאך אונטער־געשריבן.

לייב הערש האט זיך א כאפּ־אויף געגעבן און געבליבן שטיין ווי צום צייכן, ווי פון א בליציקן איינפאל ארומגענומען . . . די צוויי געבוירענע טשעלאדזשער יינגלעך זיינען געבליבן שטיין קוים ווינגנדיק זיך איינער קעגנאיבער דעם אנדערן, ווי צוויי יונגע סאסנעס אויף א פרייען זוניקן פלאץ נאך דעם ווי א לייכטער שטורעם־רעגן איז אדורך אין זייער גאנצער יונגער צייטיקייט, שטיל אן א ווארט אויסצורעדן. און דער גבאי מיטן געשווירענעם בערדל איז געשטאנען און געקוקט מיט א פאר פויגלדיקע, קיילעכדיק־אויפּ־געריסענע אויגן און איינגעטעמט די וויגנדיקע שטילקייט — עס האט געש־מעקט מיט א מין פרישן זשיווויעצע ריח־התורה.

## דריי סאטירעס

### חסל . . .

פון ירושלים ביז לאָנדאָן איין גנאַדן געשריי,
דינור, בובער, טשיף־ראַביי, גאָלאַנץ: אייכמאַן מוז לעבן!
מילא, פיין, ווייל רחמנות איז אַ יידישע זאַך,
בלויז וואָסער פּאָסטן וועט מען דעם באַגנאַדעטן געבן?

אַ קלייניקייט, אַזאַ מין בריאה, אַ חד בדרא,
צי איז דען אויפן גאַנצן ערד־קיילעך דאָ זיינס גלייכן ?
מיר האָבן געטראַכט פון העכסטן פאָסטן : אויף דער תליה !
וואָס נישט ביים לעבן, זאָל ער כאָטש מיט זיין טויט דערגרייכן.

נאָר איר ווייסט דאָך, אונזער וועלטל מען פאַרזעט דעם גרויסן,
ס׳איז דאָך דער עולם השפל, דער עולם השקר,
און מיר, ס׳ביסל יידן די אייביקע נישט פאַרגינער,
אָבער וואָס צערייסן זיך נאָך דעם לעטניק די קוועקער ?

אפשר צער בעל חיים ? טאָ זאָל זיין עלעקטרישער שטול !
עלעהיי, בשר טריפה, וועט עס וויניקער קאָסטן — —
אָדער שלאָגן זיי, די קוועקער, פאָר אים אין ישראל,
דעם ליידיקן כסא־הרבנות הרשעית־פאָסטן ?

וואָס ווייסן דען גוים מיט אַן אַלף, מיט אַן עין ?
„עין תחת עין" — מיינט שילומים־געלד גוט־מאַכן !
קוקט נישט מיט אַזעלכע גרויסע, גזלנישע אויגן,
רבותי, אַ ייד מוז קענען מיט יאַשטשערקעס לאַכן.

„בני בנים של המן למדו תורה בבני־ברק",
אזוי־אָ שטייט דאָך אין תלמוד בפירוש געשריבן,
טאָ פאַרוואָס נישט איצט, זיידן אַליין, דעם חד־בדרא,
פאַרן טשיף־ראַביי אין ישראל טאַקע אויסגעקליבן ?

אַ רבנן־קדיש, און שלום וועט זיין על ישראל,
אויס מיט רייסעניש, אויס מיט מחלוקות ביי יידן,
נאָבל־פרייז־בובערן און אייזערנעם־קרייץ, גאָלאַנצן
עיקר־העיקרים : די קוועקערס וועלן זיין צופרידן.

## „רעפארם . . ."

דער לייף־פרעזידענט פון שול, דעם שניידערס זון, דער „לויער",
יידיש ער הערט, שטעלט זיך דער צילינדער אים קאַפּויער,
ווי ס׳וואָלט אים געגראַבלט וועד מיט אַ נאָדל אין אויער,
ווילט זיך אויך שוין נישט מער הערן פונם געטאַ־טרויער.

דאָס אויפמאַרשירן צום ארון־קודש מיט די פענער,
בשעת דער אָרגל שפילט־צו „אל־מלא רחמים"־טענער,
„אין דער קירכע פאַרן אַלטאַר ס׳קאָן גאָר נישט זיין שענער . . ."
ווערט דער שניט פון זיין נאָז מיט דריי צענטימעטער קלענער —

סאַלוט ביים „אומבאַקאַנטן סאָלדאַט" מ׳קאָן נישט שטיין שטראַמער !
בלויז ווען דער ראַביי הייבט אָן : „קרעמאַטאָריע . . . גאַז־קאַמער . . ."
זיצט ער אין „באָקס" — אַן אָקס איבער קאָפּ מיט אַ האַמער !
און מריטשעט אין זיך : „אז ווער ברויך דאָס געטאָ־געיאַמער . . ."

נאָכן „סערוויס" ביים „קאָקטייל" מיט בשר־קוויטש פאַרביסן,
און דער „לייף־פרעזידענט" מיטן וואָרדן זיך צעשמועסן :
„קומענדיק יאָר, מיך נישט איינלאַדן מער . . . מ׳זאל עס וויסן,
אויב ראַביי מוז זיך אַזוי סענטימענטאַל צעגיסן,

„אזא געקוואַטש נישט מער אין אונזערע אינטערעסן,
אויף נאָדלען, אויף פאַסטריגע שפילקעס אין ,באָקס׳ געזעסן !"
מיט א קוויטש רייסט דער וואָרדן איבער מיטן אין עסן :
„נאַטירלעך, ווי לאַנג איז עס דער שיעור, מ׳מוז פאַרגעסן !"

* * *

דער טאָג, שטאָלץ אויפגעשטאַנען אויף די שענדער־פארלענדער,
אַ נידחה, פאַרפימירט־רעפאָרמיט, מיט נאָמען־געענדער,
אַריין ווי דער „יום־השואה" ר׳איז אין לוח־קאַלענדער,
צומאָל מיט א סליחה שוין גרייט, חזניש ביים שטענדער —

פאַרשוועכטע לעגענדע פון טויזנט און איין גלות־לענדער.

## בן-צבי בערנשטיין

## א סדר-נאכט אין דער היים

אַ פאַרגעניגן אין שטוב ס׳איז אלץ ארומגעפוצט, ריין אין אלע ווינקעלעך. אלעס איז אויסגעשייערט און שפיגלט ווי ניי. נייע וועש, נייע כלים, אפילו נייע מלבושים, וואס דער שניידער האט זיי געבראכט ערשט א האלבע שעה פאר ליכט־בענטשן. אין הארץ, טיף אין דער נשמה א׳ז אויך עפעס אלץ ניי, פריש, קלאר און ליכטיק ווי די ליכט אין די מעשענע לייכטער, וואס שטייען אויפן שניי־ווייס געדעקטן ט׳ש. א פארגעניגן !

דער טאטע — א מלך און די מאמע — א מלכה. אין מיינע אויגן ב׳ן איך א גאנצער בן־מלך, אן עכטער פרינץ, וואס פ׳לט עס אין אלע גלידער. איך בין פריי ווי א פייגעלע : קיין מלמד, קיין חדר !

איך און דער טאטע זיצן אנגעשפארט אויף ווייכע, ווייס־באדעקטע קישנס, ווי מלכים, און די כוסות זענען אנגעפ׳לט מיט רויטן ווייַן. דער טאטע אין א ווייסן ק׳טל מאכט קידוש מיט א זינגענדיקן סמארבאוון נוסח. שטאָלץ, געלאַסן און באטעמט רעדט ער ארויס די ווער־טער : „אשר בחר בנו מכל עם ורוממנו מכל לשון" בשעת איך פריי מ׳ך אין הארץ און האב גרויס הנאה וואס כ׳בין געבוירן געווארן א ייד . . .

ווי שיין עס זעען אויס די טעלער מ׳ט די צוגעדעקטע מצות, די קערה מיט די מינ׳ם, דאס איי, דער מרור, די זרוע, דאס כרפס, חרוסת און חזרת ! א׳ן מיינע אויגן זענען עס ס׳מבאלן און רמזים, וואס האבן א ט׳פע באדייטונג. אחוץ דעם פראסטן פשט ליגט או׳ך אין יעדער זאך עפעס א ט׳פער סוד . . .

ס׳ווערט שט׳ל ביים טיש. דער טאטע זיצט ערנסט און באטראכט די מ׳נים צי עס פעלט נישט, חלילה, עפעס פון זיי. ד׳ מאמע שיינט פון נחת און קוקט אויף מ׳ר מיט ליבשאפט . . . איך הויב אן פרעגן די קשיות הויך אויפקול : — מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות . . .

דער טאטע ענטפערט ערנס, פונקט ווי ר׳ וואלט עס צום ערשטן מאל געהערט אט די פיר קשיות און אומגעריכט, און זיין תירוץ קל׳נגט אויך ווי ר׳ וואלט אים גראָד איצט איינגעפאלן : — עבדים היינו לפרעה במצרים . . .

ווי גליקלעך פיל איך מיך וואס גאט האט אינז ארויסגענומען פון מצרים ! ווען נישט, וואלט א׳ך דאך נאך איצט געווען א קנעכט, געשלעפט ליים און ציגל, קריגנדיק ב׳טערע קלעפ פון די שוטרים פון מצרים . . .

כ׳ווער נתפעל פון דער מעשה מיט רבי אלעזר בן עזריה, וואס סך־הכל צו אכצן יאר האט מען אים אויפגענומען פאר א נשיא ; און ווייל מ׳האט פון אים געקענט אפלאכן און זאגן, „או׳ך מיר א נשיא !", האט הקדוש ברוך הו באוויזן א נס און אין איין נאכט אים געלאזן אויסוואקסן א לאנגע, ווייסע בארד ! . . . „הרי אני כבן שבעים שנה", איך זע נאר

אויס ווי זיבעציק יאר אלט, אבער אין גאנצן בין איך בלויז אן אכצן־יעריקער. אוי, ווי איך ווינטש מיר אט אזא נס, אז אין איין נאכט זאל ביי מיר אויסוואקסן א לאנגע בארד! עפעס א מחיה צו האבן א לאנגע, ווייסע בארד . . . ווען מיר קומען צו די ארבעה בנים, צום „רשע מה הוא אומר״, ביילט זיך ביי מיר מיין קינדערישע פויסט. ס׳ווילט זיך מיר אויסברעכן דעם רשע די ציין . . .

— דו רשע איינער, — קלער איך מיר, — דו מנוול, וואס איז דאס פאר א מין לשון „מה העבודה הזאת לכם״? וואס הייסט דאס „לכם״? דו לײדאק, ב׳סט דען קיין ייד נ׳שט?

איך בין מלא כעס און וואלט אים אויף שטיקלעך צעריסן . . . אבער מיין צארן פארבייט זיך באלד אין א געלעכטער, ווייל אט שוין האלטן מיר ביים „ושאינו יודע לשאול״. איר האט שוין געזעען אזא מין לעמעשקע, אזא חמור, וואס ווייסט גארנישט? כאטש פרעג א׳ם בחרם וואס פסח איז! א׳ך מאל מיר אים אויס אין מיין מחשבה: א גולם, מיט אן אפן מויל, מיט נארישע אויגן און לאנגע אויערן . . .

מיט וואס פאר א תענוג צייל איך מיטן טאטן די חסדים, וואס הקדוש ברוך הוא האט מיט אונז געטון, אויסרופנדיק נאך יעדן חסד „די׳נו!״ עפעס א קלייניקייט, גאט האט דעם ים געשפאלטן און אונז אריבערגעפירט אויף דער טריקעניש. ס׳דכט זיך מיר, ווי איך אליין וואלט אריבערגעאנגען דעם ים. אויך מ׳ר א קונץ ביים רבונו־של־עולם דעם ים צו שפאלטן! . . .

כ׳זע ווי בפועל ממש פרעה און זיין קאוואלעריע ווילן אונז כאפן, און ווי זיי לויפן אין גאלאפ נאך אונז . . . און דא — טוק! דער ים קערט זיך אום און ס איז א ביטערער סוף צו זיי!

און היינט ווי ד׳ יידן האבן געלעבט פערציק יאר אין מדבר מ׳ט מן. מ׳איז אויפ־געשטאנען אין דער פרי און געפונען דעם מן פערט׳ק אויפן פעלד. וואס פאר א טעם מ׳האט נאר געוואלט, האט מען געפילט אין דעם מן . . .

ווער האט דאס דארטן באדארפט נייען קליידער צ׳ שיך? זיי האבן זיך דאך געהאלטן גאנץ פערציק יאר לאנג! ס׳האט געמוזט זיין א לעבן אן זארג, אן קאפ־דרייעניש, אז מ׳האט געדארפט זוכן פרנסה, ווי דאס א׳ז דער פאל ביים טאטן . . .

אפשר איז אייך נאך דאס צו ווייניק, האט הקדוש ברוך הוא אונז צו אלעם דעם צוגעגעבן זיין בעסטע מתנה — דעם הייליקן שבת מ׳ט אלע זיינע תענוגים!

און ווען דער רבונו־של־עולם גיט אונז בלויז דעם שבת אליין, וואלט דאך אויך שוין געווען „דיינו״. האט ער א׳נז דערצו נאך געגעבן א תורה! איך קען עס מיר גארנישט פארשטעלן א׳ן מיין קינדערישער מחשבה וויאזוי מיר וואלטן געקענט לעבן אן דער תורה . . . ווי קען עס א מענטש לעבן אן א הארץ?

אט א׳ז שוין האלבע נאכט, און מען עפנט די ט׳ר פאר אליהו הנב׳א. דער טאטע שטעלט זיך אויף און רופט אויס מ׳ט גרויס כבוד, — ברוך הבא׳.

אמת, מען זעט אליהו הנביא נישט מיט די אויגן, אבער מיט אלע אברים פ׳ל איך וו׳ ער קומט אריין אין שטוב, ווי זיין לאנגע בארד ר׳רט אן דעם ט׳ש און ווי ער נעמט זיין כוס. איך פ׳ל זיין ליבן, פריינטלעכן בליק, וואס פאלט אויף מיר פון זיינע גוטלעכע, קלארע אויגן. א ציטער לויפט מ׳ר אדורך דורך אלע גלידער . . .

א׳ך פיל ווי אליהו הנב׳א ברענגט מיט זיך א׳ן שטוב אריין דעם אטעם פון אן אנדערער וועלט; פון א וועלט, וווּ ס׳לעבן בלויז מלאכ׳ם און נשמות אן גופים. איך האב דעמאלט א׳ן אלעס געגלויבט . . .

או׳, וואס פאר א שיינע סדר־נעכט ס׳זענען דעמאלט געווען אין די קינדער־יארן!

## יידיש ליטעראַרישע שבת-נאָכמיטאָגס

**אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט א.1. — 3 אַזייגער**

שבת, דעם 14׳טן אַפּריל שבת הגדול פּראָגראַם — רעדנער יעקב ריכטיגער.
שבת, דעם 21׳טן — די טראַדיציסנעלע פרץ־יארצייט.
שבת, דעם 18׳סטן — געווידמעט חצי 7׳טע יארצייט פון בן־א סאָכאַטשעווסקי.
שבת, דעם 5׳טן מאי — א פּאָרטראַג פון בעלאַ ווײַנער.

233

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 5 (העפט 367) דריי און צוואַנציקסטער יאָר מאי 1962 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

אקדמות, אַ התנצלות, געווידמעט י. ביעטשן צו ווערן אַ בן־שמונים °° ........ 1
דער „בייבי־סיטער״ (דערציילונג) ........ י. ביעטש 5
יהודה ביעטש (פאָטאָ) ........ 5
מאָריס ראָזענפעלד (עסיי) ........ יהודה ביעטש 12
אַכציק יאָר (ליד) ........ עלע זילבערג 16
יהודה ביעטש (צו זיין 80׳סטן געבורטסטאָג) ........ בן־צבי בערנשטיין 16
אַ ליד פון אַלטע צייטן (י. ביעטשן) ........ רענאטע היישעריק־פוקס 18
א מיידל מיט א קליידל (הומארעסקע), אַמאָל איז געווען אַ הונט (סאַטירע) משה בעקערמאַן 18
יאַנקל אַדלער (ליד) ........ יוסף לעפטוויטש 21
נאָך דער אַרבעט (א קאַפּיטל פון א בוך) ........ אליהו פאַלושאַק 22
לבנה־ראנדעוו (ליריק), דער פאַפּע דאַך (פראזע) ........ א. נ. שטענצל 29
קולטור ידיעות
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ........ 48

## „פריינט פון יידיש לשון״

זונטיק, דעם 27׳סטן מאי, 6.30 אַדלער־האָל אַדלער סטר. א.1.

באַנקעט צום 80׳סטן געבוירן יאָר פון

## יהודה ביעטש

אַדלער־האָל, אַדלער סטר. א.1.

אַל׳ע זיינען איינגעלאדן! איינטריק פריי!

## פרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press.*
129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*